STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10701

ARBETLOYN, PRAYZ UN REVEKH

Karl Marx

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארקס—ענגעלס—לענינ-אינסטיטוט באם צק אלקפּ(ב)

פּראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראייניקט זיכ!

קארל מארקס

ארבעטלוינ, פּרייז אונ רעוועכ

צווייטע, פארבעסערטע אופלאגע

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1934

ייִדיש — מ ײ ע ר ה ע ף
רעדאַקטער פון דער איבערזעצונג — ל. גאָלדבערג

פון פארלאג „עמעס“

פאר דער צווייטער אופלאגע איז די איבערזעצונג געמאכט געוואָרן פונדאַסנײַי דערבײַ איז אויסגענוצט געוואָרן:

1. דער ענגלישער אָריגינאל — «Value, Price and Profit».
2. די רוסישע און דײַטשישע אויסגאבן פון מארקס — ענגעלס — לעניג־אינסטיטוט.

די אָנמערקונגען אונטערן טעקסט זײַנען געמאכט לויט די אויסגאבן פון מארקס — ענגעלס — לעניג־אינסטיטוט.

ארבעטלוינ, פּרײַז אונ רעוועכ[1]

ארײַנפיר

בירגער!

דערלויבט מיר מאכנ עטלעכע פֿאָרבאמערקונגענ אײדער איכ גײ אריבער צו דער עצעם טעמע.

עס הערשט איצט אפֿנ קאָנטינענט אנ עמעסע עפּידעמיע פֿונ שטרײַקנ אונ אנ אלגעמײנער לאָזונג װעגנ א לוינ־העכערונג. די פֿראגע װעט באהאנדלט װערנ אפֿ אונדזער קאָנגרעס. איר, װאָס שטײט אינ שפּיצ פֿונ דער אינטערנאציאָנאלער אסאָציאציע — איר דארפֿט אינ דער דאָזיקער װיכטיקער פֿראגע האָבנ א פֿעסטנ שטאנד-

---

[1] די דאָזיקע מארקס ארבעט שטעלט מיט זיכ פֿאָר א פֿאָרטראָג, װאָס ער האָט געלײענט אפֿ צװײ זיצונגענ פֿונעם גענעראל־ראט פֿונ I אינטערנאציאָנאל — דעמ 20 אונ 27 יונ 1865 י.

אפֿ דער זיצונג פֿונעם גענעראל־ראט דעמ 4 אפּרעל 1865 י. האָט אײנער פֿונ די מיטגלידער פֿונעמ גענעראל־ראט, דער פֿאָרשטײער פֿונ די ענגלישע ארבעטער „דזשאָנ װעסטאָנ, געשטעלט צומ באהאנדלענ אפֿנ גענעראל־ראט פֿאָלגנדיקע פֿראגנ: 1) צי קאָנענ פֿארבעסערט װערנ די סאָציאלע אונ מאטעריעלע פּערספּעקטיװנ פֿונעמ ארבעטער־קלאס דורכ העכערנ דעמ ארבעטלוינ? 2) צי די באמיונגענ פֿונ די פּראָפֿ־פֿאַרײַנ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ װירקנ ניט צומ שלעכטנ אפֿ די איבעריקע טײלנ פֿונ דער אינדוסטריע?״ װעסטאָנ האָט געמאָלדנ, אז ער װעט פֿארטײדיקנ א נעגאַ־טיװנ ענטפֿער אפֿ דער ערשטער פֿראגע אונ א פּאָזיטיװנ אפֿ דער צװײטער. אפֿ די זיצונגענ דעמ 3 אונ 20 מײַ האָט װעסטאָנ אנטװיקלט די דאָזיקע געדאנקענ אינ א ספּעציעלנ פֿאָרטראג, װאָס נאָכ אימ זײַנענ פֿאָרגעקומענ דעבאטנ. אינ א בריװ פֿונ 20 מײַ 1865 י. האָט מארקס געשריבנ ענגעלסנ: „הײַנט אינאָװנט איז אנ עקסטרע זיצונג פֿונעמ אינטערנאציאָנאל. אנ אלטער שטורמאק, אנ אלטער אָװעניסט װעסטאָנ (א טעסלער) האָט ארויסגעשטעלט די בײדע האנאָכעס, װעלכע ער פֿארטײדיקט שטענ־דיק אינ „Beehive״ [בינשטאָק] [„ב י נ ש ט אָ ק״ — א צײַטונג, װאָס האָט געדינט אלס אָפֿיציעלער אָרגאנ פֿארנ ערשטנ אינטערנאציאָנאל אינ משעכ פֿונ א געװיסער צײַט. אינ איר פֿלעגנ זיכ דרוקנ די לויפֿנדיקע אָפֿיציעלע דאָקומענטנ פֿונעמ אינטערנאציאָנאל. ר ע ד.] : 1) אז אנ אלגעמײנע העכערונג פֿונ דעמ ניװאָ פֿונ ארבעטלוינ קאָנ די ארבעטער ניט ברענגענ קײנ שומ נוצנ; 2) אז מאכמעס דעמ אאוו. זײַנענ די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿארײַנענ שעדלעכ. אויב אָט די בײדע טעזיסנ, װאָס אינ אונדזער געזעל־

פּונקט. דעריבער האַלט איך פאַר מײַן כוויו צו באַטראַכטן דעם איניען גרינטלעך, אפֿילע איך זאָל ריזיקירן צו שטעלן אײַער געדולד אין אַ שווערן ניסוייען.

אַ צווייטע פאַרבאַמערקונג האָב איך צו מאַכן וועגן דעם בירגער וועסטאָן. ער האָט ניט נאָר אַנטוויקלט פאַר אײַך, נאָר אויך עפנטלעך פאַרטיידיקט אָנשויונגען, וואָס ער ווייס, אַז זיי זײַנען ביז גאָר ניט פּאָפּולער באַם אַרבעטער־קלאַס, נאָר ער האַלט, אַז זיי זײַנען אין די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַזוינע באַווײַזן פון מאָראַלישן מוט דאַרף יעדער פון אונדז שעצן הויך. איך האָף, אַז טראָץ דעם ניט־געפּוצטן סטיל פון מײַן פאָרטראָג וועט ער צום סאָף דערזען, אַז איך שטים אײַן מיט דער ריכטיקער אידיי, וואָס ליגט, ווי מיר שײַנט, אין גרונט פון זײַנע טעזיסן, אָבער אין איר איצטיקער פאָרם האַלט איך די דאָזיקע אידיי פאַר טעאָרעטיש פאַלש און פּראַקטיש געפערלעך.

איצט גיי איך אַריבער צו אונדזער טעמע.

שאַפט גלייבט אין זיי נאָר ער אַליין, ווערן אָנגענומען, האַלטן מיר זיך אַרויסגעוויזן אין אַ לעכערלעכער לאַגע סײַ בענעגייע צו די היגע טרעד־יוניאָנען סײַ בענעגייע צו יענער עפּידעמיע שטרײַקן, וואָס הערשט איצט אויפֿן קאָנטינענט... מע דערוואַרט נאַטירלעך פון מיר אַן אָפּלייקענונג. איך וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט צום הײַנטיקן אָוונט אויסאַרבעטן מײַן ענטפער, איך האָב אָבער געהאַלטן, אַז וויכטיקער איז פאָרזעצן שרײַבן מײַן בוך [„קאַפּיטאַל״ — ר ע ד.] און מוז זיך דעריבער פאַרלאָזן אויף דער אימפּראָוויזאַציע.

איך ווייס נאַטירלעך פאָרויס ביידע הויפּט־פּונקטן:

1) אַז דער אַ ר ב ע ט ל ו י ן באַשטימט דעם ווערט פון די סכוירעס;

2) אַז אויב די קאַפּיטאַליסטן צאָלן הײַנט 5 שילינג אָנשטאָט 4 וועלן זיי מאָרגן פאַרקויפן זייערע סכוירעס פאַר 5 שילינג אָנשטאָט 4 (די דאָזיקע מעגלעכקייט גיט זיי דער געשטיגענער נאָכפרעג).

ווי לעפּיש דאָס זאָל ניט זײַן און ווי דאָט זאָל זיך ניט האַלטן נאָר באַם אויסערלעכן אויבערפלאַך פון דער דערשיינונג, איז עס דאָך ניט צו דערקלערן אומווסנריקע די אַלע עקאָנאָמישע פראַגן, וואָס זײַנען דערמיט פאַרבונדן. דו קאָנסט ניט אַרײַנשפּאַרן אַ קורס פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין איין שאָ צײַט. מיר וועלן אָבער טאָן, וואָס עס לאָזט זיך״.

מאַרקס האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט זײַן אַרויסטרעטונג אין די דעבאַטן און האָט אָנגעשריבן אַ פאָרטראָג, וועלכן ער האָט געלייענט אויף די זיצונגען פונעם גענעראַלראַט. אָבער ניט ער אַליין און ניט ענגעלס האָבן ניט אָפּגעדרוקט דעם דאָזיקן פאָרטראָג. אים האָט פאַרעפנטלעכט שוין נאָך ענגעלסעס טויט מאַרקס טאָכטער לעאָנאָרע.

I. פראָדוקציע און ארבעטלוין

דעם בירגער וועסטאָנס באהויפטונג שטיצט זיך פאקטיש אף צוויי פאָרויסזעצונגען:

ערשטנס — אז די סומע פון דער נאציאָנאלער פראָדוקציע איז א פיקסירטע זאך, א קאָנסטאנטער סכום אָדער א קאָנסטאנטע גרייס, ווי א מאטעמאטיקער וואָלט געזאָגט.

צווייטנס — אז די סומע פונעם רעאלן ארבעטלוין, דה. פונעם לוין, וואָס ווערט געמאָסטן מיטן סכום געברויך-ארטיקלען, וועלכע מע קאָן פאר אים קויפן, איז א פיקסירטע סומע, א קאָנסטאנטע גרייס.

ס'איז קלאָר, אז זײַן ערשטע האשאָרע איז א טאָעס. איר וועט אײַנזען, אז דער ווערט און די מאסע פון דער פראָדוקציע שטײַגט פון יאָר צו יאָר, אז די פראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער נאציאָנאלער ארבעט וואקסן, און די סומע געלט, וואָס מע דארף האָבן פאר דער צירקוליאציע פון דער דאָזיקער שטײַגנדיקער פראָדוקציע, האלט אין איין ענדערן זיך. וואָס עס איז ריכטיק צום סאָף יאָר און פאר פארשיידענע פארגלײַך-יאָרן, איז אויך ריכטיק אין דורכשניט פאר יעדן טאָג אין יאָר. די סומע אָדער די גרייס פון דער נאציאָנאלער פראָדוקציע האלט אין איין ענדערן זיך. ס'איז ניט קיין קאָנסטאנטע גרייס, נאָר א פאראנדערלעכע, און דאָס מוז אזוי זײַן, — שוין אָפגערעדט וועגן די ענדערונגען אינעם צושטאנד פון דער באפעלקערונג, — מאכמעס דער שטענדיקער ענדערונג אין דער אָנזאמלונג פון קאפיטאל און אין די פראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער ארבעט. עס איז דורכויס ריכטיק, אז ווען עס זאָל הײַנט פאָרקומען אן אלגעמיינע העכערונג פון די לוין-טאריפן, — וועלכע ענדגילטיקע רעזולטאטן זי זאָל ניט האָבן, — וואָלט זי אליין ניט געענדערט אומיטלבאר דעם סכום פון דער פראָדוקציע. צוערשט וואָלט זי ארויסגעגאנגען פון דער פאראנענער לאגע. און אויב די נאַציאָנאלע פראָדוקציע איז פאר דער העכערונג פונעם ארבעטלוין

געוועג פארענדערלעכ און ניט פיקסירט, ווער זי פארבלייבג פארענ־דערלעכ און ניט פיקסירט אויכ נאָכ דער העכערונג פונעם אר־בעטלוינ.

נאָר לאָמיר אָנעמענ, אז דער סכום פונ דער נאציאָנאלער פראָ־דוקציע איז קאָנסטאנט און ניט פארענדערלעכ. אפילע דעמלט וועט דאָס, וואָס אונדזער פריינט וועסטאָנ האלט פאר א לאָגישנ אויספיר, בלייבנ ניט מער ווי אנ אומבאגרינדעטע באהויפּטונג. אויכ איכ האָב א באשטימטע צאָל, לאָמיר זאָגנ 8, שטערט ניט די אבסאָליוטע גרענעצ פונ דער דאָזיקער צאָל אירע טיילנ צו ענדערנ זייערע רע־לאטיווע גרענעצנ. אויב דער רעוועכ באטרעפט 6 און דער לוינ — 2, קאָנ דער לוינ שטייגנ ביז 6 און דער רעוועכ פאלנ ביז 2, און דאָכ וועט די גאנצע סומע בלייבנ 8. אזויארום וואָלט דער פיקסירטער סכום פראָדוקציע קלאל ניט געקאָנט באווייזנ, אז די סומע לוינ איז פיקסירט. ווי באווייזט אלזאָ אונדזער פריינט וועסטאָנ די דאָזיקע פיקסירטקייט? דערמיט, וואָס ער באהויפּטעט דאָס.

אָבער אפילע ווענ מיר זאָלנ דערלאָזנ, אז זיינ באהויפּטונג איז ריכטיק, וואָלט זי געווירקט אינ ביידע ריכטונגענ, ער אָבער דער־לאָזט איר ווירקונג נאָר אינ איינ זייט. אויב די סומע לוינ איז א קאָנסטאנטע גרייס, קאָנ מענ זי ניט העכערנ און ניט אראָפּזעצנ. הייסט עס, אז אויב די ארבעטער האנדלענ נאריש, ווענ זיי קעמפנ פאר א צייטווייליקער העכערונג פונעם לוינ, האנדלענ די קאפּיטא־ליסטנ ניט וויניקער נאריש, ווענ זיי קעמפנ פאר א צייטווייליקער אראָפּזעצונג פונעם לוינ. אונדזער פריינט וועסטאָנ לייקנט ניט, אז בא געוויסע אומשטענדנ קאָנענ די ארבעטער אויסקעמפנ א העכע־רונג פונעם לוינ, נאָר ער מיינט, אז אזויווי די סומע לוינ איז פיקסירט, ווי א נאטור־פאקט, מוז קומענ א רעאקציע. פונ דער אנדערער זייט, ווייס ער אויכ, אז די קאפּיטאליסטנ קאָנענ ארויס־צווינגענ אנ אראָפּזעצונג פונעם לוינ, און פאקטיש פארמעסטנ זיי זיכ שטענדיק אפ דעם. לויטנ געזעצ וועגנ דער באשטענדיקייט פו־נעם ניוואָ פונ לוינ וואָלט געמוזט אָנקומענ א רעאקציע סיי אינ ערשטנ פאל סיי אינ צווייטנ. די ארבעטער וועלנ דעריבער האנדלענ ריכטיק, אויב זיי וועלנ זיכ קעגנשטעלנ קעגנ א געפּלאנטער אָדער א פאקטיש פּאָרגעקומענער אראָפּזעצונג פונעם לוינ. דעריבער האָבנ די ארבעטער רעכט אויסצוקעמפנ א העכערונג פונעם לוינ, ווייל

יעדע ר ע א ק צ י ע קעגנ אראָפּזועצנ דעמ לוינ איז אנ א ק צ י ע פאר העכערנ דעמ לוינ. אלזאָ, לויט דעמ בירגער וועסטאָנס אייגענעמ פּרינציפּ וועגנ דער באשטענדיקייט פונעמ לוינ וואָלטנ די ארבעטער בא געוויסע אומשטענדנ געדארפט פארייניקנ זיכ אונ קעמפנ פאר א לוינ־העכערונג.

באשטרייט ער דעמ דאָזיקנ אויספיר, מוז ער זיכ אָפּזאָגנ פונ די פאָרויסזעצונגענ, פונ וועלכע ער דרינגט ארויס. טאָר ער ניט זאָגנ, אז דער לוינ־ניוואָ איז א קאָנסטאנטע גרייס, נאָר ער מוז זאָגנ, אז כאָטש דער ניוואָ פונ לוינ קאָנ ניט אונ טאָר ניט שטייגנ, קאָנ ער אונ ער מעג פאלנ, אויב דעמ קאפּיטאל פארגלוסט זיכ נאָר אראָפּצוזעצנ אימ. אויב דעמ קאפּיטאליסט געפעלט צו קאָרמענענ אייכ מיט קארטאָפל אנשטאָט פלייש, אונ מיט האָבער אנשטאָט ווייצ, דארפט איר אָנעמענ זיינ ווילנ, ווי א געזעצ פונ דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אונ אונטערווארפנ זיכ אימ. אויב אינ איינעמ א לאנד, צב. אינ די פארייניקטע שטאטנ, זיינענ די לוינ־טאריפנ העכער איידער אינ ענגלאנד, מוזט איר אזא אונטערשייד אינ דעמ לוינ־ניוואָ אויסטייטשנ אלס א אונטערשייד צווישנ דעמ ווילנ פונ דעמ אמעריקאנישנ קאפּיטאליסט אונ דעמ ווילנ פונ דעמ ענגלישנ קאפּיטאליסט. אזא מעטאָד וואָלט זייער פאריינפאכט דאָס דערלערנענ ניט בלויז די עקאָנאָמישע דערשיינונגענ, נאָר אויכ אלע אנדערע.

אָבער אפילע דעמלט וואָלטנ מיר געקאָנט פרעגנ: פארוואָס איז דער ווילנ באמ אמעריקאנישנ קאפּיטאליסט אנדערש, ווי באמ ענגלישנ קאפּיטאליסט? אונ קעדיי צו פארענטפערנ די דאָזיקע פראגע, וואָלט איר געמוזט ארויסגיינ פונעמ געביט פונ ווילנ. א גאלעכ קאָנ מיר זאָגנ, אז גאָט וויל אינ פראנקרייכ איינ זאכ אונ אינ ענגלאנד — אנ אנדער זאכ. ווענ איכ זאָל אימ אופאָדערנ, ער זאָל מיר דערקלערנ דעמ דואליזמ פונ דעמ דאָזיקנ ווילנ, וואָלט ער זיכ ניט געשעמט צו ענטפערנ מיר, אז גאָט געפעלט עס אזוי צו האָבנ אינ פראנקרייכ איינ ווילנ אונ אינ ענגלאנד — אנ אנדערנ. אָבער ווער־ווער, אונדזער פריינט וועסטאָנ וועט אוודאי ניט אָנקומענ צו אזא ארגומענט, וואָס איז אבסאָליוט דערווידער יעדער פארנונפט.

דער ווילנ פונעמ קאפּיטאליסט איז זיכער צו נעמענ אזויפיל, וויפל עס איז מעגלעכ. אונדזער זאכ איז אָבער ניט רייענ וועגנ

זײַנ װילנ, נאָר אױספאָרשנ זײַנ קראַפט, די גרענעצנ פונ זײַנ קראַפט און דעמ כאַראַקטער פונ די דאָזיקע גרענעצנ.

II. פּראָדוקציע, אַרבעטלױנ, רעװעכ

דער פאָרטראָג, װאָס דער בירגער װעסטאָנ האָט פאַר אונדז געהאַלטנ, װאָלט פרײַ געקאָנט אַרײַנגײנ אינ דער שאָלעכצ פונ א נוס.

זײַנ גאַנצע אַרגומענטאַציע לאָזט זיכ אױס אָט צו װאָס:

אױב דער אַרבעטער־קלאַס װעט צװינגענ דעמ קלאַס קאַפּיטאַליסטנ צו צאָלנ אימ — אינ דער פאָרמ פונ געלט־לױנ — 5 שילינג אַנשטאָט 4, װעט אימ דער קאַפּיטאַליסט דערפאַר צוריקגעבנ — אינ דער פאָרמ פונ סכױרעס — א װערט פונ 4 שילינג אַנשטאָט א װערט פונ 5 שילינג. דער אַרבעטער־קלאַס װעט דעמלט מוזנ צאָלנ 5 שילינג פאַר דעמ, װאָס ער פלעגט קױפנ ביז דער לױנ־העכערונג פאַר 4 שילינג.

אָבער פאַרװאָס? פאַרװאָס גיט דער קאַפּיטאַליסט פאַר 5 שילינג א װערט ניט מער װי פונ 4 שילינג? װײַל דער לױנ־ניװאָ איז פיקסירט. פאַרװאָס־זשע איז ער פיקסירט אָפּ א סכױרע־װערט פינ 4 שילינג? פאַרװאָס ניט פונ 3, צי פונ 2, צי פונ אװאָסער־ניט־איז אַנדערער סומע? אױב דער ניװאָ פונ די לױנ־סומעס איז פעסטגעשטעלט דורכ אַנ עקאָנאָמישנ געזעצ אומאָפּהענגיק סײַ פונ דעמ קאַפּיטאַליסטס װילנ סײַ פונ די אַרבעטערס װילנ, װאָלט דער בירגער װעסטאָנ בעדאַרפט פריער פאַר אַלצ אַרױסלײגנ דעמ דאָזיקנ געזעצ און דערװײַזנ אימ. אַכוץ דעמ װאָלט ער געמוזט דערװײַזנ, אַז די לױנ־סומע, װאָס װערט פאַקטיש אױסגעצאָלט, פאַלט צונױפ שטענדיק, אינ יעדנ געגעבענעמ צײַט־פּונקט, מיט דער דאָזיקער נױטװענדיקער לױנ־סומע און װײַכט קײנמאָל ניט אָפּ פונ איר. אױב די געגעבענע גרענעצ פונ דער לױנ־סומע הענגט אָפּ פונ דעמ קאַפּיטאַליסטס װילנ אָדער פונ די גרענעצנ פונ זײַנ גײַציקײַט, איז עס א װילקירלעכע גרענעצ. זי האָט אינ זיכ קײנ שומ נױטװענדיקײַט ניט. זי קאָנ געענדערט װערנ לױטנ קאַפּיטאַליסטס װילנ און קאָנ אַלזאָ געענדערט װערנ אױכ קעגנ זײַנ װילנ.

דער בירגער װעסטאָנ אילױסטרירט זײַנ טעאָריע דערמיט, װאָס ער דערצײלט אײַכ, אַז װענ א שיסל אַנטהאַלט א באַשטימטנ סכומ

זופ פאר א באשטימטער צאָל מענטשן, וועט דער סכום זופ ניט ווערן גרעסער, אויב די לעפל וועלן ווערן ברייטער. זאָל ער מיר דערלויבן צו האלטן די דאָזיקע איליוסטראציע פאר א צו נאַיווע.[1] זי דערמאָנט מיר א מאָשל, וואָס מענעניוס אגריפּוס האָט געבראכט. ווען די רוימישע פּלעבייער האָבן געקעמפט קעגן די רוימישע פּאט־ריציער, האָט זיי דער פּאטריציער אגריפּוס דערקלערט, אז דער פּאט-ריצישער מאָגן שפּייַזט די פּלעביייִשע גלידער פון פּאָליטישן קערפּער. אגריפּוסן איז ניט געלונגען צו דערווייַזן, אז מע שפּייַזט די גלידער פון איין מענטשן, אָנפילנדיק דעם מאָגן פון א צווייטן מענטשן. דער בירגער וועסטאָן ווידער האָט פארגעסן, אז די שיסל, וואָס די אר־בעטער עסן פון איר, איז אָנגעפילט מיטן גאנצן פּראָדוקט פון דער נאציאָנאלער ארבעט, און ארויסבאקומען פון איר מער שטערט זיי ניט דאָס, וואָס די שיסל איז צו קליין, ניט דער קנאפּער סכום פון איר אינהאלט, נאָר בלויז דאָס, וואָס זייערע לעפל זייַנען צו קליין.

מיט וואָס פאר א קונץ קאָן דאָס דער קאפּיטאליסט צוריקגעבן פאר 5 שילינג א ווערט פון 4 שילינג? דערמיט, וואָס ער העכערט דעם פּרייַז אף די סכוירעס, וועלכע ער פארקויפט. אָבער די העכע־רונג פון די פּרייַזן, אָדער — מער אַלגעמיין גערעדט — די ענדערונג פון די פּרייַזן אף סכוירעס, ביכלאַל די סכוירע-פּרייַזן הענגען זיי דען אָפּ בלויז פון דעם קאפּיטאליסטס ווילן? צי פארקערט, דער דאָ־זיקער ווילן קאָן האָבן א באטרעפ נאָר בא באשטימטע אומשטענדן? אניט ווערט דער ארופ און אראָפּ, די אָנופהערלעכע וואקלונג פון די מארק־פּרייַזן א רעטעניש ניט צום טרעפן.

אזוי־ווי מיר נעמען אָן, אז עס זייַנען ניט פּאָרגעקומען אבסאָ־ליוט קיינע ענדערונגען ניט אין דער פּראָדוקטיוו-קראפט פון דער ארבעט, ניט אין דעם אָנגעווענדעטן סכום פון קאפּיטאל און ארבעט, ניט אינעם ווערט פונעם געלט, אין וועלכן עס איז אויסגעדריקט דער ווערט פון די פּראָדוקטן, און עס איז פאראן אן ענדערונג נאָר אין די לוין-טאריפן, איז וויאזוי האָט דאָס שטייַגן פונעם לוין געקאָנט ווירקן אף די פּרייַזן פון די סכוירעס? נאָר ווירקנדיק אף דער פאקטישער פארהעלטעניש צווישן דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון די סכוירעס.

---

1 אין אָריגינאל שטייט: spoony. ס'איז א וואָרט־שפּיל: spoony באטייַט אויס־געדראָשן, אויסגעשעפּט (אייגנטלעך ארויסגעלעפלט: spoon איז א לעפל) און אויך נאַיוו.

ס'איז פולשטענדיק ריכטיק, אז דער ארבעטער-קלאס, גענומען אלס גאנצעס, גיט אויס און מוז אויסגעבן זיין גאנצע האכנאָסע אף נייטיקע געברויך־ארטיקלען. אן אלגעמיינע העכערונג פונעם לוין וואָלט דעריבער ארויסגערופן א העכערונג פונעם נאָכפרעג אף די נייטיקע געברויך-ארטיקלען און בעמיילע אויך א העכערונג פון די מארק־פרייזן אף זיי. די קאפיטאליסטן, וואָס פאבריצירן די דאָזיקע געברויך-ארטיקלען, וואָלטן קאָמפענסירט געוואָרן פאר דער לוין-העכערונג מיט געהעכערטע מארק־פרייזן אף זייערע סכוירעס.

אָבער ווי האלט עס מיט די אנדערע קאפיטאליסטן, וואָס פאבריצירן ניט קיין נייטיקע געברויך־ארטיקלען? און איר מעגט גלייבן, אז זייער צאָל איז גאָרניט קיין קליינע. ווען איר וועט נעמען אין באטראכט, אז צוויי דריטל פון דער נאציאָנאלער פראָדוקציע פארברויכט נאָר איין פינפטל פון דער באפעלקערונג, — א מיטגליד פון געמיינדן-הויז האָט ניט לאנג קאָנסטאטירט, אז אפילע ניט מער ווי א זיבעטל, — וועט איר פארשטיין, אז אן אומגעהייערער טייל פון דער נאציאָנאלער פראָדוקציע ווערט געשאפן אין דער פאָרם פון לוקסוס־זאכן אָדער ווערט אויסגעטוישט אף לוקסוס־ארטיקלען, און אן אומגעהייערער סכום נייטיקע געברויך־ארטיקלען ווערט פארשווענדט אף לאקייען, פערד, קעצ אאוו. אָט די אויסברענגעריי, ווי מיר ווייסן פון דער דערפארונג, ווערט אלץ קלענער אין דער מאָס ווי עס שטייגן די פרייזן אף לעבנס-מיטלען.

אלזאָ, ווי וועט זיין די לאגע פון די קאפיטאליסטן, וואָס פאבריצירן ניט קיין נייטיקע געברויך-ארטיקלען? ווען די נאָרמע פון זייער רעווער וואָלט געפאלן מאכמעס דער אלגעמיינער לוין־העכערונג, וואָלטן זיי ניט געקאָנט קאָמפענסירן זיך דורך העכערן די פרייזן אף זייערע סכוירעס, ווייל דער נאָכפרעג אף די דאָזיקע סכוירעס וואָלט ניט געשטיגן. זייער האכנאָסע וואָלט געוואָרן קלענער, און פון דער דאָזיקער קלענער געוואָרענער האכנאָסע וואָלטן זיי געמוזט צאָלן טייערער פאר דעם זעלבן סכום געברויך־ארטיקלען. אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. אזויווי זייער האכנאָסע וואָלט געוואָרן קלענער, וואָלטן זיי אויך געמוזט אויסגעבן ווייניקער אף לוקסוס-זאכן, און אזויארום וואָלט דער קעגנזייטיקער נאָכפרעג אף זייערע אנטשפרעכיקע סכוירעס געפאלן. איבער דעם פאלן פונעם נאָכפרעג וואָלטן געפאלן די פרייזן אף זייערע סכוירעס. אלזאָ, אין יענע אינ־

דוסטריע-צווייגן וואָלט די נאָרמע פונעם רעווח געפאלן ניט אין אן איינפאכער פּראָפּאָרץ צו דער אלגעמיינער העכערונג פון די לוין-טאריפן, נאָר אין א פּראָפּאָרץ, וואָס וואָלט אנטשפּראָכן דער געמיינזאמער ווירקונג פון דער אלגעמיינער לוין-העכערונג, פון דער העכערונג פון די פּרייזן אפ די נייטיקע געברויך-ארטיקלען און פונעם פאלן פון די פּרייזן אפ די לוקסוס-זאכן.

וואָס וואָלט געווען דער רעזולטאט פון דער דאָזיקער פארשיידנקייט אין דער נאָרמע פון רעווח אפ די קאפּיטאלן, וואָס זיינען ארייַנגעלייגט אין פארשיידענע אינדוסטריע-צווייגן? דער זעלבער רעזולטאט, וואָס באקומט זיך יעדעס מאָל, ווען איבער אוואָסעראיזס-עס-איז סיבע שאפט זיך א אונטערשייד אינעם ניוואָ פונעם רעווח אין פארשיידענע פּראָדוציר-געביטן. קאפּיטאל און ארבעט וואָלטן אריבער פון די ווייניקער האכנאָסעדיקע צווייגן אין די מער האכנאָסעדיקע; און דער דאָזיקער פּראָצעס פון אריבערגאנג וואָלט געדויערט אזוי לאנג, ביזוואנען דער אָנבאָט וואָלט אין איין אינדוסטריע-צווייג געשטיגן פּראָפּאָרציאָנעל צום גרעסער געוואָרענעם נאָכפרעג און אין די אנדערע אינדוסטריע-צווייגן וואָלט ער געפאלן אין איינקלאנג מיט דעם קלענער געוואָרענעם נאָכפרעג. נאָך דעם, ווי אָט די ענדערונג וואָלט פאָרגעקומען, וואָלט די אלגעמיינע נאָרמע פון רעווח אין די פארשיידענע אינדוסטריע-צווייגן ווידער אויסגעגלייַכט געוואָרן. אזוי ווי דער גאנצער איבערוק איז לעכאטכילע געקומען נאָר איבער דער ענדערונג אין דער פארהעלטעניש צווישן דעם אָנבאָט פון פארשיידענע סכוירעס און דעם נאָכפרעג אפ זיי, איז נאָך דעם, ווי עס איז פארשוואונדן די סיבע, וואָלט אויך פארשוואונדן איר רעזולטאט, און די פּרייזן וואָלטן זיך אומגעקערט צו זייער פריערדיקן ניוואָ און גלייַכגעוויכט. אָנשטאָט זיך צו באגרענעצן מיט אייניקע אינדוסטריע-צווייגן, וואָלט דאָס פאלן פון דער נאָרמע פון רעווח געווען אן אלגעמיינס. לויט אונדזער האנאָכע וואָלט קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען ניט אין די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון דער ארבעט, ניט אין דער אלגעמיינער סומע פון דער פּראָדוקציע, מערניט וואָס דער געגעבענער סכום פּראָדוקציע וואָלט געענדערט זייַן פאָרם. א גרעסערער טייל פון דער פּראָדוקציע וואָלט דעמאלט עקזיסטירט אין דער פאָרם פון נייטיקע געברויך-זאכן, א קלענערער טייל — אין דער פאָרם פון לוקסוס-זאכן, אָדער — וואָס דאָס איז

איינס און דאָס זעלבע — א קלענערער טייל וואָלט אויסגעטוישט ווערנ אפ אויסלענדישע לוקסוס־סכוירעס און וואָלט פארברויכט געוואָרנ אינ זייַנ לעבאטכילעדיקער פאָרם, אָדער — וואָס דאָס איז ווידעראמאָל איינס און דאָס זעלבע — א גרעסערער טייל פונ דער אָרטיקער פראָדוקציע וואָלט אויסגעטוישט געוואָרנ אפ אויסלענדישע נייטיקע געברויכ-ארטיקלענ אָנשטאָט לוקסוס־זאכנ. די אלגעמיינע העכערונג פונעם לוינ וואָלט אלזאָ — נאָכ א צייַטווייַליקער צערודערונג פונ די מארק־פרייַזנ — ארויסגערופנ ניט מער ווי דאָס אלגעמיינע פאלנ פונ דער נאָרמע פונ רעווע אָנ אוועלכער עס איז דויערנדיקער ענדערונג פונ די סכוירע־פרייַזנ.

אויב מע וועט מיר זאָגנ, אז אינ מייַנ פריִערדיקער ארגומענטאציע נעמ איכ אָנ, אז דער גאנצער צוווּקס פונ לוינ ווערט אויסגעגעבנ אפ געברויכ־ארטיקלענ, וועל איכ ענטפערנ דערופ, אז איכ האָב געמאכט א גינסטיקע האשאָרע פאר דעמ בירגער ווערסטאָנס מיינונג. ווענ דער צוווּקס פונ לוינ זאָל אויסגעגעבנ ווערנ אפ זאכנ, וואָס זייַנענ פריִער ניט אריַנ אינ דעמ ארבעטערס געברויכ, וואָלט ניט נייטיק געווענ קיינ שום באווייַז, אז די קויפ-קראפט פונ די ארבעטער איז פאקטיש געשטיגנ. אָבער אזויווי זי איז נאָר א רעזולטאט פונ דער לוינ־העכערונג, מוז די דאָזיקע העכערונג פונ דער קויפ־קראפט פונ די ארבעטער אנטשפרעכנ פינקטלעכ דער פארקלענערונג פונ דער קויפ-קראפט פונ די קאפיטאליסטנ. דער גאנצער נאָכפרעג אפ סכוירעס וואָלט אלזאָ ניט געוואָרנ גרעסער, נאָר די באשטאנד־טיילנ זייַנע וואָלטנ זיכ געענדערט. דער שטייַגנדיקער נאָכפרעג פונ איינ זייַט וואָלט באלאנסירט געוואָרנ דורכנ פאלנדיקנ נאָכפרעג פונ דער אנדער זייַט. אזויארום, וויבאלד דער גאנצער נאָכפרעג בלייַבט ניט געענדערט, וואָלט קיינ שום ענדערונג אינ די מארק-פרייַזנ אפ די סכוירעס ניט געקאָנט פאָרקומענ.

אלזאָ שטייט פאר אייַכ אזא דילעמע: אָדער דער צוווּקס פונ לוינ ווערט פארטאָנ גלייַכמעסיק אפ אלע געברויכ־ארטיקלענ — אינ דעמ פאל מוז די פארגרעסערונג פונ דעמ נאָכפרעג מיצאד דעמ ארבעטער־קלאס באלאנסירט ווערנ דורכנ פאלנ פונעמ נאָכפרעג מיצאד דעמ קלאס קאפיטאליסטנ, אָדער דער לוינ־צוווּקס ווערט אויסגעגעבנ נאָר אפ איינִיקע זאכנ, וואָס זייערע מארק-פרייַזנ וועלנ צייַטווייַליק שטייַגנ, — און דאָס דערפונ פאָרקומענדיקע שטייַגנ פונ דער

נאָרמע פון רעווח אין איינציקע אינדוסטריע-צווייגן און דאָס פאלן
אין אנדערע צווייגן וועט דעמלט ארויסרופן אן ענדערונג אין דער אָנווענ-
דונג פון קאפּיטאל און ארבעט, אזוי לאנג, ביז דער אָנבאָט וועט זיך ניט
צופאסן צום געהעכערטן נאָכפרעג אין איין טייל אינדוסטריע און
צום געמינערטן נאָכפרעג אין די אנדערע טיילן אינדוסטריע. בא דער
ערשטער פּאָרויסזעצונג וועט קיין שום ענדערונג פון די פּרייזן אפ
סכוירעס ניט פאָרקומען. בא דער צווייטער פּאָרויסזעצונג וועלן די
טויש-ווערטן פון די סכוירעס פאלן — נאָך איינציקע וואקלונגען פון די
מארק-פּרייזן — ביז זייער פריערדיקן ניוואָ. בא ביידע פּאָרויסזעצונגען
וועט די אלגעמיינע העכערונג פון די לוין-טאריפן סאָפקאָלסאָף ארויס-
רופן ניט מער ווי דאָס אלגעמיינע פאלן פון דער נאָרמע פון
רעווח.

קעדיי צו רעגן אייער פאנטאזיע, האָט איך דער בירגער וועסטאָן
אויפגעפאָדערט, איר זאָלט א קלער טאָן וועגן די שוועריקייטן, וועלכע
עס וואָלט ארויסגערופן אן אלגעמיינע העכערונג פונעם לוין פון די
ענגלישע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער פון 9 שילינג ביז 18 שי-
לינג. שטעלט זיך פאָר, — שרייט ער אויס, — די אומגעהייערע העכע-
רונג פונעם נאָכפרעג אפ די נייטיקע געברויך-זאכן און די שרעק-
לעכע העכערונג פון די פּרייזן, וואָס מוז קומען מאכמעס דעם! נו,
איר ווייסט דאָך אלע, אז דער דורכשניטלעכער לוין פון די אמע-
ריקאנישע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער איז מער ווי צוויי מאָל
אזוי גרויס איידער דער לוין פון די ענגלישע לאנדווירטשאפטלעכע
ארבעטער, כאָטש די פּרייזן אפ לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן זיינען
אין די פאראייניקטע שטאטן נידעריקער איידער אינעם קיניגרייך
ענגלאנד, כאָטש אין די פאראייניקטע שטאטן הערשן די זעלבע אל-
געמיינע באציִונגען צווישן קאפּיטאל און ארבעט, ווי אין קיניגרייך
ענגלאנד, כאָטש דער יערלעכער סכום פּראָדוקציע איז אין די פא-
ראייניקטע שטאטן א סאך קלענער איידער אין ענגלאנד. צו וואָס-
זשע מאכט אונדזער פריינט וועסטאָן אן אליארעם? נאָר קעדיי אָפּ-
צופּאטערן דיווירקלעכע פראגע, וואָס שטייט פאר אונדז. א פּלוצעמ-
דיקע לוין-העכערונג פון 9 שילינג ביז 18 שילינג וואָלט באטייט א
פּלוצעמדיקע העכערונג פון דער [לוין-]סומע אפ 100 פּראָצענט. אָבער
מיר דיסקוסירן קלאל ניט די פראגע, צי דער אלגעמיינער ניוואָ פון-
נעם לוין אין ענגלאנד קאָן מיטאמאָל געהעכערט ווערן אפ 100 פּראָצ.

מיר האָבן דאָ גאָרניט צו טאָן מיט דער גרייס פון דער העכערונג, דאָס איז אין יעדן פראקטישן פאל אָפּהענגיק פון די געגעבענע אומשטענדן, און מוז זיי אנטשפרעכן. מיר דארפן נאָר אויספאָרשן, וואָס פאר א ווירקונג וועט האָבן אן אלגעמיינע העכערונג פון די לוין־טאריפן, אפילע ווען זי זאָל אויסמאכן ניט מער ווי 1 פראָצענט.

איצט, לאָזנדיק אָן א זייט פריינט וועסטאָנס פאנטאסטישע העכערונג אף 100 פראָצענט, וויל איך ווענדן אייער אופמערקזאמקייט אף דער פאקטישער העכערונג פונעם לוין, וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסבריטאניע אין די יאָרן 1849—1859.

איר ווייסט אלע דעם צען-שאָ-געזעץ, אָדער, ריכטיקער, דעם צען א האלב שאָ־געזעץ, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן זינט דעם יאָר 1848. דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע עקאָנאָמישע ענדערונגען, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. דאָס איז געווען א פלוצעמדיקע און א געצוואונגענע לוין־העכערונג ניט אין וועלכע-עס־איז אָרטיקע געווערבן, נאָר אין די פירנדיקע אינדוסטריע-צווייגן, מיט וועלכע ענגלאנד באהערשט די וועלט-מערק. דאָס איז געווען א לוין-העכערונג בא באזונדערס אומגינסטיקע אומשטענדן. דאָקטאָר יור, פראָפעסער סעניאָר און אלע אנדערע אָפיציעלע עקאָנאָמיסטן וואָרטפירער פון דער בורזשואזיע האָבן געפרווט דערווייזן, — און איך מוז אָגן, א סאך באגרינדעטער, איידער אונדזער פריינט וועסטאָן, — אז דאָס וועט אומברענגען די ענגלישע אינדוסטריע. זיי האָבן געפרווט דערווייזן, אז עס האנדלט זיך ניט נאָר וועגן א פאָשעטער לוין־העכערונג, נאָר וועגן א לוין־העכערונג, וואָס איז ארויסגערופן און באזירט זיך אף א פארקלענערונג פונעם געברויכטן סכום ארבעט. זיי האָבן געטיינעט, אז די צוועלפטע שאָ, וואָס מע וויל אָפנעמען באם קאפיטאליסט, איז גראָד די איינציקע שאָ, פון וועלכער ער באקומט זיין רעווער. זיי האָבן געסטראשעט, אז עס וועט פארקלענערט ווערן די קאפיטאל־אָנזאמלונג, די פרייזן וועלן שטייגן, די מערק וועלן פארלאָרן גיין, עס וועט פארקירצט ווערן די פראָדוקציע, און אין רעזולטאט וועט פאלן דער לוין און סאָפקאָלסאָף מוז אומפארמיידלעך קומען א כורבן.

זיי האָבן דערקלערט, אז מאקסימיליאן ראָבעספיערס געזעץ וועגן

מאַקסימאַלע פּרייַזן[1] איז פאַקטיש אין פאַרגלייַך דערמיט גאָר א קלייניקייַט, און אין א געוויסן זין האָבן זיי געהאַט רעכט. אָבער וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? א העכערונג פונעם געלט־לוין פון די פאַבריק־אַרבעטער, כאָטש דער אַרבעטסטאָג איז פאַרקירצט געוואָרן, א באַדייַטנדיקע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל באַשעפטיקטע פאַבריק־אַרבעטער, א קעסיידערדיק פאַלן פון די פּרייַזן אויף זייער פּראָדוקציע, א וווּנדערבאַרע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-קרעפטן פון זייער אַרבעט, אַן אומגעהערטע פּראָגרעסירנדיקע פאַרברייטערונג פונעם מאַרק פאַר זייערע סכוירעס. אין מאַנטשעסטער, אין יאָר 1860, אין דער געזעלשאַפט צו אַנטוויקלען די וויסנשאַפט האָב איך געהערט, ווי ה' ניומען האָט זיך מודה געווען, אַז ער, דאָקטאָר יור, סעניאָר און אַלע אַנדערע פאָרשטייער פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט האָבן א טעות געהאַט און גערעכט איז געווען דעם פאָלקס אינסטינקט איך מיין ה' וו. ניומען,[2] — ניט דעם פּראָפעסאָר פרענסיס ניומען, — ווייַל ער פאַרנעמט אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע א באַדייַטנדיקן אָרט אַלס מיטאַרבעטער און אַרויסגעבער פון טאָמאַס טוקס „געשיכטע פון די פּרייַזן“, — אָט דעם פּראַכטפולן ווערק, וואָס גיט איבער די געשיכטע פון די פּרייַזן אין די יאָרן 1793—1856. ווען אונדזער פּרייַנט וועסטאָנס אידיי־פיקס וועגן א פיקסירטער לוין-סומע, א פיקסירטן סכום פּראָדוקציע, א פיקסירטן גראַד פון דער פּראָדוקטיוו-קראַפט פון דער אַרבעט, א פיקסירטן און א שטענדיקן ווילן פון די קאַפּיטאַליסטן און זייַנע אַלע אַנדערע פיקסירטקייַטן און ענדגיל־טיקייַטן וואָלטן געווען ריכטיק, וואָלט אויך פּראָפעסאָר סעניאָרס טרויעריקע נעוויִעס געווען ריכטיק, און אומגערעכט וואָלט געווען ראָבערט אָוען, וואָס האָט שוין אין יאָר 1816 געפאָדערט אַן אַלגעמיינע פאַרקירצונג פונעם אַרבעטסטאָג, אַלס דעם ערשטן צוגרייטונג־טריט

[1] דער געזעץ וועגן מאַקסימאַלע פּרייַזן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין 1793 יאָר. דער געזעץ האָט באַשטימט פעסטע, מאַקסימאַלע פּרייַזן אויף סכוירעס און האָט נאָרמירט דעם אַרבעטלוין. די הויפּט־אָנהענגער פונעם געזעץ וועגן מאַקסימאַלע פּרייַזן זייַנען געווען די אָזויגערופענע „ווילדע“, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמשאַפט. ראָבעספּיער, דער פירער פון דער קלייַנבירגערלעכער פּאַרטיי יאַקאָבינער, האָט דורכגעפירט דעם דאָזיקן געזעץ אינעם פּעריִאָד, ווען די יאַקאָבינער האָבן צוליב טאַקטישע טעַמים זיך בלאָקירט מיט די „ווילדע“.

[2] מאַרקס מיינט דאָ דעם ענגלישן עקאָנאָמיסט W. Newmarch.

צו דער באפרײַונג פון ארבעטער־קלאס און האָט עס אײַנגעפירט אף זײַן אייגענער ריזיקע אין זײַן טעקסטיל־פאבריק אין ניו־לענארק,[1] ניט געאכט אפן אלגעמיינעם פאָרורטייל.

צו דער זעלבער צײַט, ווען עס איז אײַנגעפירט געוואָרן דער געזעץ וועגן א 10־שאָ:קן ארבעטסטאָג און באלד נאָך דעם איז געהעכערט געוואָרן דער לוין, איז אין ענגלאנד פאָרגעקומען — איבער סיבעס, וואָס מע קאָן זיי דאָ ניט אָנווײַזן — אן אלגעמיינע לוין־העכערונג בא די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער. כאָטש פאר מײַן אומיטלבארן צוועק איז דאָס ניט נייטיק, וויל איך מאכן עטלעכע פאָרבאמערקונגען, קעדיי אײַך ניט צו פארפירן.

ווען איינער פלעגט פריִער קריגן לוין 2 שילינג א וואָך און זײַן לוין איז געשטיגן ביז 4 שילינג, איז זײַן לוין־טאריף געשטיגן אף 100 פראָצענט. באטראכט מען דאָס פון שטאנדפונקט פון לוין־טאריף, איז דאָס א ווונדערבארע זאך, אָבער די פאקטישע סומע פונעם לוין — 4 שילינג א וואָך — בלײַבט דאָך ניט מער ווי א מיזערע נידעריקער הונגער־לוין. אלזאָ, לאָזט זיך ניט פארבלענדן פון דער הויך־קלינגענדיקער 100־פראָצענטיקער העכערונג פונעם לוין־טאריף און פרעגט: ווי גרויס איז געווען די פ ר י ִ ע ר ד י ק ע סומע?

ווײַטער מוזט איר פארשטיין, אז ווען 10 ארבעטער באקומען יעדערער צו 2 שילינג א וואָך, 5 ארבעטער באקומען יעדערער צו 5 שילינג א וואָך און נאָך 5 ארבעטער — צו 11 שילינג א וואָך, באקומען די אלע 20 מאן צוזאמען 100 שילינג אָדער 5 פונט א וואָך. ווען די אלגעמיינע סומע פון זייער וועכנטלעכן לוין זאָל שטײַגן אף 20 פראָצענט, וואָלט פאָרגעקומען א פארגרעסערונג פון 5 פונט ביז 6 פונט. ווען מיר זאָלן נעמען דעם דורכשניט, וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן, אז דער אלגעמיינער לוין־טאריף איז געשטיגן אף 20 פראָצענט, אפילע ווען דער ארבעטלוין פון 10 ארבעטער איז פאקטיש געבליבן דער זעלבער, דער לוין פון 1 גרופע פון 5 מאן איז געשטיגן ניט מער ווי פון 5 שילינג ביז 6 שילינג און דער לוין פון דער אנדער גרופע פון 5 מאן איז געשטיגן פון 55 ביז 70 שי־

[1] אָ ו ע ן — א ענגלישער פאבריקאנט, וואָס איז געוואָרן א סאָציאליסט און אוטאָפּיסט. ער האָט אײַנגעפירט בא זיך אפן פאבריק א $10^1/_2$־שאָ:קן ארבעטסטאָג און האָט דאָרט אָרגאניזירט א קראנקן־קאסע, א געברויך־קאָאָפּעראטיוו אאוו.

לינג.[1] בא א העלפט ארבעטער וואָלט זיכ די לאגע לאכלוטנ ניט פארבעסערט, בא א פערטל וואָלט זי זיכ יאָ פארבעסערט, נאָר אינ א קוים קענטיקער מאָס, אונ נאָר בא א פערטל פונ דער גאנצער צאָל ארבעטער וואָלט זיכ ווירקלעכ פארבעסערט די לאגע. פונדעסטוועגנ ווענ מע רעכנט דעמ דורכשניט, וואָלט די גאנצע סומע לוינ פונ די 20 מאנ געשטיגנ אפ 20 פראָצענט; אונ אפ וויפל מיר נעמענ אינ באטראכט דעמ גאנצנ קאפיטאל, וואָס גיט זיי ארבעט, אונ די פרײַזנ אפ די סכוירעס, וואָס זיי פראָדוצירנ, וואָלט עס געווענ פונקט דאָס זעלבע, ווי אינ דעמ פאל, ווענ אלע 20 מאנ וואָלטנ געניסנ אינ א גלײַכער מאָס פונ דער פאָרגעקומענער העכערונג פונעמ דורכשניטלעכנ לוינ. בא די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער, וואָס זייער נאָרמאל-לוינ איז אינ די פארשיידענע גראפשאפטנ פונ ענגלאנד אונ שאָטלאנד ביז גאָר פארשיידנ, איז די לוינ-העכערונג פאָרגעקומענ זייער ניט גלײַכמעסיק.

צולעצט, אינ דעמ פעריאָד, ווענ עס איז פאָרגעקומענ די לוינ-העכערונג, האָבנ זיכ אויכ געלאָזט פילנ קעגנזעצלעכע ווירקונגענ, ווי, אשטייגער, די נײַע שטײַערנ, צו וועלכע עס האָט געבראכט די מילכאָמע מיט רוסלאנד, דאָס מאסנווײַזע כאָרעוו מאכנ די וווינונגענ פונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אאוו.

נאָכ אזא לאנגנ ארײַנפיר שטעל איכ פעסט, אז אינ דעמ פעריאָד פונ יאָר 1849 ביזנ יאָר 1859 איז פאָרגעקומענ א העכערונג פונעמ דורכשניטלעכנ לוינ-ניוואָ פונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אינ ענגלאנד אפ 40 פראָצ. איכ וואָלט אײַכ געקאָנט ברענגענ א סאכ אײנצלהײַטנ צו דערווײַזנ מײַנ באהויפטונג, אָבער פאר מײַנ איצטיקנ צוועק האלט איכ פאר גענוג צו פארופנ זיכ בלויז אפנ געוויסנהאפטנ אונ קריטישנ פאָרטראָג „די קרעפטנ, וואָס ווירקנ אינ דער לאנדווירטשאפט", וואָס דער פארשטאָרבענער דזשאָנ ק. מאָרטאָנ האָט געהאלטנ אינ יאָר 1860 אינ דער לאָנדאָנער קונסט-געזעלשאפט. ה' מאָרטאָנ ניט א סעריע כעזשבוינעס אונ אנדערע אאוטענטישע

[1] די דאָזיקע ציפער — 55 אונ 70 שילינג — באטײַט די אלגעמײנע סומע ארבעטלוינ פונ דער גאנצער גרופע, וואָס באשטייט פונ 5 מאנ. אָבער דער ארבעטלוינ פונ אײנ ארבעטער וועט זיכ אינ דעמ דאָזיקנ פאל פארגרעסערנ פונ 11 ביז 14 שילינג.

דאָקומענטן, וואָס ער האָט אופגעזאמלט בא א 100 פערמערס אין 12 שאָטלענדישע און 35 ענגלישע גראפשאפטן.

לויט דער מיינונג פון אונדזער פרייַנט וועסטאָן האָט אין די יאָרן 1849—1859, מאכמעס דער גלייכצייטיקער לוין-העכערונג פון די פאבריק־ארבעטער, געמוזט פאַרקומען א גוואלדיקע העכערונג פון די פרייַזן אף לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוקטן. אָבער וואָס איז געשען אין דער ווירקלעכקייַט? טראָץ דער מילכאָמע מיט רוסלאנד[1] און א ריי אומגערעטענישן אין די יאָרן 1854—1856 איז דער דורכשניט־פרייַז אף ווייץ, אפן וויכטיקסטן לאנדווירטשאפטלעכן פראָדוקט פון ענגלאנד, געפאלן פון 3 פונט פאר א קווארטער אין די יאָרן 1838—1848 ביז 2 פונט מיט 10 שילינג פאר א קווארטער אין די יאָרן 1849—1859. דאָס באטייַט א פארקלענערונג פונעם פרייַז אף ווייץ מער ווי אף 16 פראָצענט און פאלט צונויף מיט א לוין־העכערונג בא די לאנד־ווירטשאפטלעכע ארבעטער — אין דורכשניט — אף 40 פראָצענט. אין דעם זעלבן פעריאָד, ווען מיר זאָלן פארגלייַכן זייַן סאָף מיט זייַן אָנהייב, — דאָס יאָר 1859 מיטן יאָר 1849, איז דער אָפיציעל פארעגיס־טרירטער פאופעריזם קלענער געוואָרן פון 934 419 מאן ביז 860 470 מאן, — דה. אף 73.949 מאן. איך גיב צו, אז דאָס איז זייער א נישטיקע פארקלענערונג, און אין די ווײַטערדיקע יאָרן איז זי ווידער פארשוווּנדן געוואָרן, אָבער דאָך איז דאָס א פאר־קלענערונג.

מע וואָלט געקאָנט זאָגן, אז איבער דעם אָפשאפן די טוווע־געזעצן איז דער אימפאָרט פון אויסלענדישע טוווע געשטיגן אין די יאָרן 1848—1859 אין פארגלייַך מיט די יאָרן 1838—1848 מער ווי אין צוויי מאָל. נו, איז וואָס? פון דעם בירגער וועסטאָנס שטאנד־פונקט וואָלט מען באדארפט דערווארטן, אז אזא פלוצעמדיקער אומ־געהייערער און שטענדיק שטייַגנדיקער נאָכפרעג אף אויסלענדישע מערק וואָלט דערפירט די פרייַזן פון די לאנדווירטשאפטלעכע פראָ־דוקטן אף די דאָזיקע מערק ביז א שרעקלעכער הייך, ווייַל די ווירקונג פון דעם גרעסער געוואָרענעם נאָכפרעג בלייַבט דאָך די זעלבע, צי זי קומט פון אינלאנד צי זי קומט פון אויסלאנד. וואָס איז ווירקלעך געשען? אכוץ אייניקע יאָרן פון שלעכטע גערעטענישן איז

[1] מארקס האָט געמיינט די קרימער מילכאָמע פון די יאָרן 1855—1856.

דאָס שרעקלעכע פאלנ פונ די פּרײַזנ אפ טוווע אינ מעשעכ פונעמ גאנצנ פעריאָד געוואָרנ אינ פראנקרײַכ א שטענדיקע טעמע צו קלאָגנ זיכ; די אמעריקאנער זײַנענ אלצ מער אונ מער געווענ געצווּונגענ צו פארברענענ די מויסרעס פונ זייערע פּראָדוקטנ, אונ רוסלאנד, אויב מע זאָל גלייבנ דעמ ה׳ אורקווארט, האָט פאנאנדערגעבלאָזנ דעמ בירגערקריג אינ די פארייניקטע שטאטנ, ווײַל די קאָנקורענצ פונ די יאנקיס אפ די אייראָפּיישע מערק האָט פאראליזירט דעמ עקספּאָרט פונ זײַנע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ.

צוריקגעפירט צו זײַנ אבסטראקטער פאָרמ, וועט דעמ בירגער וועסטאָנס ארגומענט אויסזענ אזוי:

יעדע העכערונג פונעמ נאָכפרעג קומט שטענדיק פאָר אפנ גרונט פונ א געגעבענער סומע פּראָדוקציע. דעריבער קאָנ זי ניט פארגרעסערנ דעמ אָנבאָט פונ די געפּאָדערטע ארטיקלענ, נאָר זי קאָנ בלויז העכערנ זייער געלט־פּרײַז. אָבער די סאמע געוויינלעכע אכטגעבונג באווײַזט, אז אינ אייניקע פאלנ לאָזט דער פארגרעסערטער נאָכפרעג די מארק־פּרײַזנ אפ סכוירעס אינגאנצנ אומגעענדערט אונ אינ אנדערע פאלנ רופט ער ארויס א צײַטווײַליקע העכערונג פונ די פּרײַזנ, נאָכדעמ קומט א גרעסערער אָנבאָט, אונ דאָס זעצט ווידער אראָפּ די פּרײַזנ ביז זייער פריערדיקנ ניוואָ, — אונ אינ א סאכ פאלנ אפילע נידעריקער פאר זייער פריערדיקנ ניוואָ. צי די העכערונג פונעמ נאָכפרעג קומט פאָר אינ רעזולטאט פונ א לוינ־העכערונג צי איבער וועלכער עס איז אנדערער סיבע, — דאָס ענדערט קלאָר ניט די באדינגונגענ פונ דער פּראָבלעמ. פונ דעמ בירגער וועסטאָנס שטאנדפּונקט איז פונקט אזוי שווער צו דערקלערנ די דאָזיקע אלגעמיינע באוווּסטע דערשײַנונג, ווי א לוינ־העכערונג אינ אויסערגעוויינלעכע אומשטענדנ. דערפאר האָט זײַנ ארגומענט קיינ שומ באדײַטונג ניט פאר אונדזער טעמע. ער דריקט נאָר אויס זײַנ אומפייִקײַט צו דערקלערנ די געזעצנ, לויט וועלכע א גרעסערער נאָכפרעג רופט ארויס א גרעסערנ אָנבאָט אונ ניט קיינ העכערונג פונ די מארק־פּרײַזנ אפ די סכוירעס.

III. ארבעטלױנ אונ געלט

אפנ צװײטנ טאָג פונ דער דיסקוסיע האָט אונדזער פרײַנט װעסטאָנ אָנגעטאָנ זײַנע אלטע באהױפטונגענ אינ נײַע פאָרמענ. ער האָט געזאָגט:

אנ אלגעמײנע העכערונג פונעמ געלט־לױנ װעט פאָדערנ מער מעזומענ געלט צומ אױסצאָלנ דעמ זעלביקנ לױנ. אָבער אזױװי די סומע צירקולירנדיקע געלט איז פיקסירט, איז װי קאָנט איר מיט דער זעלביקער סומע צירקולירנדיקע געלט אױסצאָלנ א גרעסערע סומע געלט־לױנ? פריִער האָט זיכ די שװעריקײַט גענומענ דערפונ, װאָס די פומע סכוירעס, װעלכע קומט אױס אפ דעמ ארבעטערס כײלעק, איז א פיקסירטע, כאָטש זײַנ געלט־לױנ װאקסט; איצט נעמט זי זיכ דערפונ, װאָס דער געלט-לױנ שטײַגט, כאָטש די סומע סכוירעס איז א פיקסירטע. פארשטײט זיכ, אויב איר װארפט אָפ די לעכאטכילעדיקע דאָגמע, מוז די צװײטע טײַנע אױכ פארשװינדנ.

איכ װיל אָבער װײַזנ, אז די דאָזיקע געלט־פראגע האָט לאכלוטנ ניט צו טאָנ מיט אונדזער טעמע.

אינ אײַער לאנד איז דער אױסצאָל-מעכאניזמ א סאכ פולקומער, אײדער אינ אנדערע לענדער פונ אײראָפע. אדאנק דער פארברײטערונג אונ קאָנצענטרירונג פונעמ באנק־װעזנ פאָדערט זיכ דאָ א סאכ װײניקער מעזומענ געלט צו לאָזנ צירקולירנ די זעלבע סומע װערטנ אונ צו שליסנ די זעלבע אָדער נאָכ א גרעסערע סומע געשעפטנ. צב., װאָס אָנבאלאנגט דעמ לױנ, צאָלט אָפ דער ענגלישער פאבריקארבעטער זײַנ לױנ יעדע װאָכ דעמ קרעמער, דער קרעמער שיקט עס אָפ יעדע װאָכ דעמ באנקיר, דער באנקיר קערט עס אומ יעדע װאָכ דעמ פאבריקאנט, אונ דער פאבריקאנט באצאָלט דערמיט װידער זײַנע ארבעטער אאװ. בא אזא סײדער קאָנ דער יערלעכער לױנ פונ אנ ארבעטער — לאָמיר זאָגנ, 52 פונט סטערלינג — געדעקט װערנ מיט אײנ אײנציקנ סאָװערענ,[1] װעלכער מאכט דורכ יעדע װאָכ אײנ אונ דעמ זעלבנ קרײַז. אינ ענגלאנד גופע איז דער דאָזיקער מעכאניזמ ניט אזױ פולקומ, װי אינ שאָטלאנד, אונ ער איז ניט אומעטומ גלײַכ פולקומ. אונ דעריבער זעענ מיר, אז צב. אינ אײניקע לאנדװירטשאפטלעכע ראיאָנענ װערט באניצט א סאכ מער מעזומענ געלט אײדער

1 א פונט סטערלינג.

אין די פאבריק-ראַיאָנען אָפּ צו לאָזן צירקולירן אַ סאַך אַ קלענערע סומע ווערטן.

ווען איר וועט אַריבערפאָרן אויף יענער זײַט קאַנאַל, וועט איר דערזען, אַז דער געלט-לוין איז דאָרטן אַ סאַך נידעריקער איידער אין ענגלאַנד, אָבער אין דײַטשלאַנד, אין איטאַליע, אין דער שווייץ, אין פראַנקרײַך מוז צירקולירן אַ סאַך אַ גרעסערע סומע מעזומאָנים צום אויסצאָלן אים. דער זעלבער סאָווערען פאַלט דאָרטן ניט אַזוי גיך אַרײַן צום באַנקיר אָדער ער קערט זיך ניט אום אַזוי גיך צום אינדוסטריִעלער — דעם קאַפּיטאַליסט און דערפאַר דאַרף מען דאָרטן האָבן עפּשער 3 סאָווערענען אָפּ צו לאָזן צירקולירן אַ יאָר-לוין פון 25 פונט אָנשטאָט דעם 1 סאָווערען, וואָס לאָזט יערלעך צירקולירן 52 פונט. אַזוי-אַרום, איז ווען איר וועט פאַרגלײַכן די קאָנטינענטאַלע לענדער מיט ענגלאַנד, וועט איר גלײַך באַמערקן, אַז בײַ אַ נידעריקן געלט-לוין קאָן נייטיק זײַן אַ סאַך אַ גרעסערע סומע מעזומענע געלט אין דער צירקוליאַציע איידער בײַ אַ הויכן געלט-לוין, און אַז פאַקטיש איז דאָס אַ ריין טעכנישער מאָמענט, וואָס ליגט ווײַט פון אונדזער טעמע.

לויט די בעסטע אויסרעכענונגען, וואָס איך ווייס, קאָן מען שאַצן די יאָר-האַכנאָסע פונעם אַרבעטער-קלאַס פון אַיער לאַנד אין 250 מיליאָן פונט. אָט די אומגעהייערע סומע ווערט אויסגעצאָלט דורך אַ סומע אומגעפער פון אַ 3 מיליאָן פונט. לאָמיר זיך פאָר-שטעלן, אַז דער אַרבעטלוין ווערט געהעכערט אויף 50 פּראָצענט, דעמלט וועט מען דאַרפן האָבן אָנשטאָט 3 מיליאָן מעזומאָנים $4^1/_2$ מיליאָן. און אַזויווי אַ באַדײַטנדיקער טייל פון דעם אַרבעטערס טאָג-טעג-לעכער הויצאָע ווערט אויסגעצאָלט מיט זילבער און קופּער, ד.ה. מיט פּאָשעטע געלט-צייכנס, וואָס זייער ווערט איז פאַרהעלטעניש צו גאָלד שטעלט דער געזעץ אײַן ווי ער וויל, פּונקט אַזויווי דעם ווערט פון פּאַפּיר-געלט, וואָס ווערט ניט אויסגעביטן, — וואָלט די העכע-רונג פונעם געלט-לוין אויף 50 פּראָצענט געפאָדערט אין ערגסטן פאַל אַ העכערן אומזאַץ, לאָמיר זאָגן, פון נאָך אַ מיליאָן סאָווערען. דעם מיליאָן, וואָס ליגט איצט אין די קעלערס פון ענגלישן באַנק אָדער פון די פּריוואַטע בענק אין דער פאָרם פון גאָלד-מאַטבייעס אָדער גאָלד-שטיקער, וואָלט מען געמוזט לאָזן צירקולירן.

נאָר מע קאָן פאַרשפּאָרן אפילו די אומבאַדײַטנדיקע הויצאָעס

אפ גיסנ מאטבייעס אונ אפ דער אָפּניצונג פונ דעמ דאָזיקנ צוגאָב־מיליאָנ אונ מע שפּאָרט זיי טאקע איינ, ווענ די באדערפעניש אינ א גרעסערנ סכומ מעזומאָנימ ברענגט צו אוועלכער עס איז שוועריקייט. איר ווייסט אלע, אז די אומלויפ־מיטלענ בא אייכ אינ לאנד ווערנ איינגעטיילט אינ צוויי גרויסע גרופּעס: איינע באשטייט פונ פארשיידנערליי באנק־בילעטנ, וואָס ווערנ .באניצט אינ געשעפטנ צווישנ גרויסע הענדלער אונ בא גרויסע צאָלונגענ אויכ צווישנ די געברויכער אונ די הענדלער. דער צווייטער מינ אומלויפ־מיטלענ באשטייט פונ מעטאלענע מאטבייעס אונ צירקולירט אינעמ קליינהאנדל. כאָטש זיי זיינענ פארשיידנ, טרעפנ זיכ צונויפ דיביידע מינימ אומלויפ־מיטלענ אינ דער פּראקטיק. צב. גאָלד־מאטבייעס צירקולירנ אינ א גרויסער מאָס אפילע בא גרעסערע צאָלונגענ פאר אלע סומענ ווייניקער פונ 5 פונט סטערלינג. ווענ מאָרגנ זאָלנ אָנהייבנ צירקולירנ באנק־בילעטנ פונ 4 פונט, פונ 3 אָדער פונ 2 פונט, וועלנ זיי טייקעפּ ארויסשטויסנ דאָס גאָלד פונ די דאָזיקע צירקוליר־קאנאלנ, אונ דאָס גאָלד וועט ארייננפליסנ אינ יענע צירקוליר־קאנאלנ, ווו עס וועט נייטיק זיינ צוליב דער העכערונג פונעמ געלט־לוינ. דער נייער מיליאָנ, וואָס איז געוואָרנ נייטיק מאכמעס דעמ, וואָס דער ארבעטלוינ איז געהעכערט געוואָרנ אפ 50 פּראָצענט, שאפט זיכ אלזאָ אפ אזא אויפנ, אז מע דארפ דערצו ניט האָבנ אפילע קיינ איינ סאָווערענ. דעמ זעלבנ רעזולטאט וואָלט מענ געקאָנט באקומענ, ניט פארגרעסערנדיק דעמ סכומ באנק־בילעטנ אפילע אפ איינ־איינציקנ, אויב עס זאָל שטייגנ דער אומלויפ פונ וועקסלענ, ווי דאָס איז געווענ א היפשע צייט אינ לאנקאשיר.

ווענ אנ אלגעמיינע העכערונג פונעמ ארבעטלוינ, — אומגעפער אזא, ווי דער בירגער וועסטאָנ האָט זיכ פאָרגעשטעלט פארנ ארבעט־לוינ פונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער, — א העכערונג אפ 100 פּראָצענט, — וואָלט ארויסגערופנ א גרויסע העכערונג פונ די פרייזנ אפ לעבנ־מיטלענ אונ וואָלט געפאָדערט — לויט זיינ מיינונג — א צוגאָב-סומע מעזומאָנימ, אונ דאָס וואָלט זיכ ניט געלאָזט שאפנ, וואָלט דאָכ אנ אלגעמיינע פארקלענערונג פונעמ ארבעטלוינ אויכ באדארפט האָבנ פונקט אזא רעזולטאט אונ פונקט אינ אזא מאָס, מער ניט אינ א פארקערטער ריכטונג. נו, איר ווייסט אלע, אז די יאָרנ 1858—1860 זיינענ געווענ העכסטע גינסטיק פאר דער בוימוואָל־אינדוסטריע, אונ באזונדערס דאָס יאָר 1860 האָט צו זיכ אינ דעמ

פּראַט קיין גלײַכן ניט אין די אנאַלן פון דער אינדוסטריע. אַלע אנדערע אינדוסטריע־צווײַגן האָבן דעמאָלט אויך געבליט. דער ארבעטלוין פון די ארבעטער אין דער בוימוואָל-אינדוסטריע און אין יענע אַלע אינדוסטריע-צווײַגן, וואָס זײַנען מיט איר פארבונדן, איז אין יאָר 1860 געווען העכער, איידער ווען עס איז פריִער. נאָך דעם איז געקומען דער אמעריקאַנישער קריזיס, און דער ארבעטלוין איז אין די אַלע צווײַגן פּלוצעם געפאַלן ביז א פערטל פון זײַן פריערדיקער גרייס. דאָס איז געווען א העכערונג אף 400 פּראָצ. אין א פארקערטער ריכטונג. ווען דער לוין שטײַגט פון 5 שילינג ביז 20, זאָגן מיר, אז ער שטײַגט אף 400 פּראָצענט; ווען ער פאַלט פון 20 שילינג ביז 5, זאָגן מיר, אז ער פאַלט אף 75 פּראָצענט, אָבער די סומע פון דער העכערונג אין איין פאַל און די סומע פון דער פארקלענערונג אין צווייטן פאַל איז דאָך די זעלבע, נעמלעך, 15 שילינג. אַלזאָ, דאָס איז געווען אזא פּלוצעמדיקע ענדערונג פונעם ניוואָ פונעם ארבעטלוין, וואָס האָט צו זיך פריִער קיין גלײַכן ניט געהאַט. און ארומגענומענע האָט זי א צאָל ארבעטער, וואָס איז צוויי מאָל אזוי גרויס ווי די צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער, אויב מיר וועלן רעכענען ניט בלויז די ארבעטער, וואָס זײַנען באַשעפטיקט דירעקט אין דער בוימוואָל־אינדוסטריע, נאָר אויך די, וואָס הענגען אָפּ פון איר אומדירעקט. איז דען געפאַלן דער פּרײַז אף ווייץ? ניין, אנטקעגן דעם דורכשניטלעכן יאָר־פּרײַז — 47 שילינג מיט 8 פּענס א קוואַרטער, — וואָס האָט זיך געהאַלטן אין מעשעך פון די 3 יאָר 1858—1860, איז ער געשטיגן ביז דעם דורכשניטלעכן יאָר־פּרײַז פון 55 שילינג 10 פּענס א קוואַרטער אין מעשעך פון די דרײַ יאָר 1860—1863. וואָס אָנבאַלאַנגט מעזומאָנים, איז אין יאָר 1861 אויסגעגאָסן געוואָרן מאַטבייעס אף 8.673.232 פונט קעגן 3.378.792 פונט אין יאָר 1860; דאָס הייסט, אז אין יאָר 1861 איז אויסגעגאָסן געוואָרן מאַטבייעס מער איידער אין יאָר 1860 אף 5.294.440 פונט. עמעס, באַנק־בילעטן האָבן אין יאָר 1861 צירקולירט אף 1.319.000 פונט ווייניקער איידער אין יאָר 1860. רעכנט דאָס אראָפּ, בלײַבט נאָך אַלץ פארן יאָר 1861, אין פארגלײַך מיטן גינסטיקן יאָר 1860, איבעריקע מעזומאָנים 3.975.440 פונט, דאָס הייסט, בא 4 מיליאָן פונט. אָבער די גאָלדרעזערוון אין ענגלישן באַנק זײַנען פאַר דער צײַט קלענער געוואָרן, אויב ניט פּונקט אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ, איז קימאַט אין דער זעלבער.

לאָמיר פאַרגלײַכנ די יאָרנ 1842 אונ 1862. לאָמיר ניט רעכענענ די אומגעהײערע פאַרמערונג פונעם ווערט אונ פונעם סכום צירקולירנדיקע סכוירעס. בלויז דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אינ יאָר 1862 אײַנגעצאָלט געוואָרנ אינ ענגלאַנד אונ אועלס באַם רעגולערנ אײַנקויפנ אײַזנבאַנ-אַקציעס אונ האלוואָעס, איז דערגאַנגענ ביז 320 מיליאָנ פונט, — א סומע, וואָס וואָלט אינ 1842 אויסגעזעענ לעגענדאַריש. אונ פונדעסטוועגנ איז די סומע מעזומאָנים אינ פאַרקער געווענ אייגנע אונ די זעלבע אינ 1842 אונ אינ 1862. אונ איבערהויפּט וועט איר זיכ אָנשטויסנ אפ א טענדענצ צו א פּראָגרעסירנדיקער פאַרקלענערונג פונ מעזומאָנים בא אנ אויסערגעוויינלעכנ צוווּקס פונ ווערטנ, — ניט בלויז פונ דער מאַסע סכוירעס, נאָר אויכ פונ די געלט-געשעפטנ ביכלאַל. פונ אונדזער פרײַנטס וועסטאָנס שטאַנדפּונקט איז דאָס אנ אומדערלייזבאַרע רעטעניש.

וואָלט ער אָבער טיפער אַרײַנדרינגענ אינ דעם איניענ, וואָלט ער דעמלט אײַנגעזענ, אז דער באַטרעפ אונ דער סכום פונ די סכוירעס, וואָס געפינענ זיכ אינ פאַרקער, אונ דער באַטרעפ פונ די געשלאָסענע געלט-געשעפטנ ביכלאַל בײַט זיכ טאָג-טעגלעכ גאָר אומאָפּהענגיק פונ דעם געלט-לוינ אונ אפילע אויב מע זאָל אָננעמענ, אז דער לוינ איז פיקסירט; אז עס בײַט זיכ טעגלעכ דער סכום אַרויסגעגעבענע באַנקנאָטנ; אז די אַלע צאָלונגענ, וואָס ווערנ רעאַליזירט אָנ מעזומענ געלט — דורכ וועקסלענ, טשעקנ, בוכ-קרעדיטירונגענ, צאָלבענק — בײַטנ זיכ אויכ טעגלעכ; אז די פאַרהעלטעניש צווישנ דעם צירקולירנדיקנ געלט אונ דעם געלט אינ שטיקער גאָלד, וואָס ליגנ אינ רעזערוו אָדער אינ די קעלערס פונ די בענק, בײַט זיכ טאָג-טעגלעכ, אפ וויפל עס פאָדערט זיכ ווירקלעכ מעטאַל-געלט; אז די כומעס מעטאַל-געלט, וואָס זײַנענ נייטיק פאַר דער צירקוליאַציע אינ לאַנד אונ צומ אָפּשיקנ קיינ אויסלאַנד פאַר אינטערנאַציאָנאַלער צירקוליאַציע, בײַטנ זיכ טאָג-טעגלעכ. ער וואָלט אײַנגעזענ, אז זײַנ דאָגמע וועגנ א פיקסירטער סומע איז אנ אומגעהײערער טאָעס אונ פּאָרט זיכ ניט מיט אונדזער טאָג-טעגלעכער ווירקלעכקײַט. ער וואָלט זיכ בעסער באַקענט מיט די געזעצנ, וואָס רעגולירנ דעם ווערט פונ געלט אונ פּאַסנ אימ צו צו די קעסיידער געענדערטע אומשטענדנ, אָנשטאָט אַרויסצודרינגענ פונ זײַנ ניט פאַרשטיינ די געזעצנ וועגנ געלט-צירקוליאַציע אנ אַרגומענט קעגנ לוינ-העכערונג.

IV. אָנבאָט און נאָכפרעג

אונדזער פרײַנט װעסטאָן האָט, אַפּאָנעם, גוט פאַרגעדענקט דאָס לאַטײַנישע װערטל: «repetitio est mater studiorum», דאָס הײסט, „דאָס איבערכאַזערן איז די מוטער פון לערנען”, און דערפאַר כאַזערט ער נאָכאַמאָל איבער זײַן פריִערדיקע דאָגמע אין א נײַער פאָרם, אז די פאַרקירצונג פון דער געלט־צירקוליאַציע מאַכמעס דער לױנ־העכערונג ברענגט צו א פאַרקלענערונג פון קאַפּיטאַל אַאַז.

נאָך דעם, װי איך האָב אַרױסגעשלאָגן זײַן מעזומאָנים־קוליע, האַלט איך אינגאַנצן פאַר איבעריק אָפּצושטעלן זיך אַף די אױסגעטראַכטע רעזולטאַטן, װאָס דאַרפן אַרױסקומען פון זײַן אױסגעטראַכטער מעזומאָנים־קאַטאַסטראָפע. איך װעל בעסער גלײַך אַריבערגײן צו זײַן דאָגמע, װעלכע ער כאַזערט איבער קעסײדער אין פאַרשײדענע פאָרמען, און װעל זי נעמען אין איר אײנפאַכסט טעאָרעטישן אױסדרוק.

אײן אײנציקע באַמערקונג באַװײַזט באַשײַמפּערלעך, װי אומקריטיש ער באַהאַנדלט דעם איניען. װעסטאָן טרעט אַרױס קעגן א לױנ־העכערונג אָדער, ביכלאַל, קעגן א הױכן לױן אַלס א רעזולטאַט פון אַזא העכערונג. פרעג איך בא אים: װאָס הײסט אַזױנס א הױכער אַרבעטלױן און א נידעריקער? פאַרװאָס איז, לעמאָשל, 5 שילינג א װאָך א נידעריקער לױן און 20 שילינג א װאָך א הױכער לױן? אױב 5 שילינג איז א נידעריקער לױן אין פאַרגלײַך מיט 20 שילינג, איז דאָך 20 שילינג אין פאַרגלײַך מיט 100 שילינג נאָך נידעריקער. אױב אײנער דאַרף לײענען א לעקציע װעגן טערמאָמעטערס און ער װעט אָנהײבן דעקלאַמירן װעגן א הױכער טעמפּעראַטור און א נידעריקער, װעט ער דערמיט קײנעמס קענטענישן ניט באַרײַכערן. פריִער דאַרף ער אונדז זאָגן, װי מע באַשטימט דעם פריר־פּונקט און דעם זיד־פּונקט און װיאַזױ די דאָזיקע אַנטשײדנדיקע פּונקטן װערן באַשטימט דורך די געזעצן פון דער נאַטור און ניט דורך דער פאַנטאַזיע פון די, װאָס פאַרקױפן אָדער מאַכן טערמאָמעטערס. און װאָס אָנבאַלאַנגט לױן און רעװעך, האָט בירגער װעסטאָן ניט נאָר פאַרזען אַרױסצודרינגען אַזעלכע אַנטשײדנדיקע פּונקטן פון די עקאָנאָמישע געזעצן, ער האָט אַפילע ניט געפונען פאַר נײטיק צו זוכן די דאָזיקע געזעצן. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, װאָס ער האָט אָנגענומען די געװײנלעכע אױסדריקן „הױך” און „נידעריק”, װי עפּעס אַזױנס, װאָס האָט א פעסט־באַשטימטע באַדײַטונג, כאָטש עס איז קלאָר, אז לױנ

קאָנ מענ אָנרופנ „הויכ״ אָדער „נידעריק״ נאָר אינ פארגלײַכ מיט אוועלכער-עס-איז נאָרמאלער מאָס, מיט וועלכער מע מעסט זײַנ גרייס.

ווען קאָנ מיר ניט זאָגנ, פארוואָס גיט מענ פאר א באשטימטנ סכומ ארבעט א באשטימטנ סכומ געלט. אויב ער וועט מיר זאָגנ, אז דאָס רעגולירט דער געזעצ פונ נאָכפרעג אונ אָנבאָט, וועל איכ אימ צוערשט פרעגנ: וואָס פאר א געזעצ רעגולירט דעמ נאָכפרעג אונ דעמ אָנבאָט גופע? אונ נאָכ אזא ענטפער וואָלט ער געמוזט פארלאָזנ דאָס שטרײַט-פעלד.

די פארהעלטעניש צווישנ דעמ נאָכפרעג אפ ארבעט אונ דעמ אָנבאָט בײַט זיכ קעסיידער, אונ צוזאמענ דערמיט בײַטנ זיכ אויכ די מארק־פרײַזנ אפ ארבעט. ווענ דער נאָכפרעג שטײַגט איבער דעמ אָנבאָט, ווערט דער ארבעטלוינ העכער; ווענ דער אָנבאָט שטײַגט איבער דעמ נאָכפרעג, ווערט דער לוינ קלענער, כאָטש בא אזוינע אומשטענדנ קומט אמאָל אויס פעסטצושטעלנ די עמעסע פארהעלטעניש צווישנ נאָכפרעג אונ אָנבאָט צב. דורכ א שטרײַק אָדער דורכ אנ ענלעכנ מיטל. אָבער קוימ אנערקענט איר דעמ נאָכפרעג אונ דעמ אָנבאָט פאר א געזעצ, וואָס רעגולירט דעמ ארבעטלוינ, איז דאָכ דאָס קינדיש אונ אומנוצלעכ צו שטרײַטנ קעגנ א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ. ווײַל לויט דעמ דאָזיקנ העכסטנ געזעצ, אפ וועלכנ איר פארופט זיכ, איז א פעריאָדישע העכערונג פונעמ ארבעטלוינ פונקט אזוי נייטיק אונ גאטירלעכ, ווי א פעריאָדיש פאלנ פונ דעמ לוינ. אויב אָבער איר אנערקענט ניט דעמ נאָכפרעג אונ דעמ אָנבאָט פאר א געזעצ, וואָס רעגולירט דעמ ארבעטלוינ, כאזער איכ איבער מײַנ פראַגע: פארוואָס-זשע גיט מענ א באשטימטנ סכומ געלט פאר א באשטימטנ סכומ ארבעט?

נאָר לאָמיר א קוק טאָנ אפ דעמ איניענ פונ א ברייטערנ שטאנדפונקט: איר האָט דורכויס א טאָעס, אויב איר מיינט, אז דעמ ווערט פונ ארבעט אָדער פונ אוואָסער-עס-איז אנדער סכוירע באשטימט ענדגילטיק דער נאָכפרעג אונ דער אָנבאָט. דער נאָכפרעג אונ דער אָנבאָט רעגולירט בלויז די צײַטווײַליקע וואקלונגענ פונ די מארקפרײַזנ. זיי וועלנ אײַכ דערקלערנ, פארוואָס דער מארק־פרײַז אפ א סכוירע שטײַגט העכער אָדער פאלט נידעריקער פונ איר ווערט, אָבער דעמ ווערט גופע קאָנענ זיי קיינמאָל ניט דערקלערנ. לאָמיר זאָגנ, אז דער נאָכפרעג אונ דער אָנבאָט געפינענ זיכ אינ צושטאנד פונ

גלײַכגעוויכט, אָדער, — ווי די עקאָנאָמיסטנ זאָגנ, — זיי דעקנ איינער דעמ אנדערנ. אינ דעמ זעלבנ מאָמענט, ווענ די ביידע קעגנשטייענדיקע קרעפטנ ווערנ גלײַכ, פאראליזירנ זיי קעגנזײַטיק איינער דעמ אנדערנ אונ הערנ אופ צו ווירקנ אינ דער אָדער יענער ריכטונג. אינ דעמ מאָמענט, ווענ דער אָנבאָט אונ דער נאָכפרעג גלײַכנ זיכ אויס אונ הערנ אופ צו ווירקנ, דעמאלט אנטשפרעכט דער מארק־פרײַז פונ א סכוירע איר ווירקלעכנ ווערט, דה. דעמ נאָרמאלנ פרײַז אירנ, ארומ וועלכנ די מארק־פרײַזנ דרייענ זיכ. באמ אויספאָרשנ די נאטור פונעמ ווערט גייט אונדז דעריבער ניט אָנ, וויאַזוי דער אָנבאָט אונ דער נאָכפרעג ווירקנ צײַטווײַליק אפ די מארק־פרײַזנ. דאָס איז ריכטיק סײַ פאר דעמ ארבעטלוינ סײַ פאר די פרײַזנ אפ אלע אנדערע סכוירעס.

V. ארבעטלוינ אונ פרײַז

ווענ מע דערפירט אלע ארגומענטנ פונ אונדזער פרײַנט צו זייער איינפאכסטנ טעאָרעטישנ אויסדרוק, ווערט פונ זיי אלע איינ דאָגמע: „די פרײַזנ פונ די סכוירעס באשטימט אָדער רעגולירט דער ארבעטלוינ“.

איכ וואָלט זיכ געקאָנט פארופנ אפ אכטגעבונגענ פונ דער פראקטיק, וואָס זאָגנ איידעס קעגנ דעמ דאָזיקנ פארעלטערטנ אונ אָפגעוואָרפענעמ פאלשנ אויספיר. איכ וואָלט אײַכ געקאָנט דערציילנ, וויאַזוי די ענגלישע פאבריק־ארבעטער, בארג־ארבעטער, שיפבויער אונ אנדערע, וואָס זייער ארבעט ווערט פארהעלטנישמעסיק הויכ באלוינט, האָבנ אריבערגעשטיגנ אנדערע לענדער מיט דער ביליקײַט פונ זייערע פראָדוקטנ, אינ דער צײַט, ווענ, לעמאָשל, די ענגלישע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער, וואָס זייער ארבעט באצאָלט זיכ פארהעלטנישמעסיק נידעריק, שטייענ אָפ קימאט פונ אלע לענדער איבער דער טײַערקײַט פונ זייערע פראָדוקטנ. פארגלײַכנדיק איינ ארטיקל מיטנ אנדערנ אינ איינ אונ דעמ זעלבנ לאנד אונ די סכוירעס פונ פארשיידענע לענדער, וואָלט איכ אײַכ געקאָנט באווײַזנ, אז, אכוצ עטלעכע מער שײַנבארע איידער ווירקלעכע אויסנאמענ, פראָדוצירט די טײַער־באלוינטע ארבעט אינ דורכשניט ביליקע סכוירעס אונ די נידעריק באלוינטע ארבעט פראָדוצירט טײַערע סכוירעס. נאטירלעכ, וואָלט דאָס נאָכ ניט דערוויזנ, אז די הויכע פרײַזנ אפ ארבעט אינ

אײן פאַל און די נידעריקע פּרײַזן אַף אַרבעט אין צװײטן פאַל זײַנען די אַנטשפּרעכיקע סיבעס פון די דאָזיקע דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכע רעזולטאַטן; אָבער יעדנפאַלס באַװײַזט עס, אַז ניט די פּרײַזן אַף אַרבעט באַשטימען די פּרײַזן אַף סכוירעס. נאָר עס איז אינגאַנצן איבעריק אָנצװװענדן דעם דאָזיקן עמפּירישן מעטאָד.

מע װעט עפּשער װעלן אָפּלײקענען, אַז דער בירגער װעסטאָן זאָל האָבן אַרױסגעשטעלט די דאָגמע: „די פּרײַזן פון די סכוירעס װערן באַשטימט אָדער רעגולירט דורכן אַרבעטלױן“. פאַקטיש האָט ער זי קײנמאָל ניט פאָרמולירט. פאַרקערט, ער האָט געזאָגט, אַז רעװעכ און רענטע זײַנען אױך קאָנסטיטוירנדיקע באַשטאַנדטײלן פון די פּרײַזן פון די סכוירעס, װײַל פון די פּרײַזן פון די סכוירעס דאַרף אױסגעצאָלט װערן ניט בלױז לױן די אַרבעטער, נאָר אױך רעװעכ דעם קאַפּיטאַליסט און רענטע דעם ערדבאַזיצער. אָבער װי-אַזױ װערן, לױט זײַן מײנונג, געבילדעט די פּרײַזן? פריער פאַר אַלץ — פונעם לױן. נאָכדעם קומט צו אַ באַשטימטער פּראָצענט פאַר די קאַפּיטאַליסטן און װײַטער אַ באַשטימטער פּראָצענט פאַר די ערד־באַזיצער.

לאָמיר אָננעמען, אַז באַם פּראָדוצירן אַ סכוירע באַטרעפט דער לױן פון דער אָנגעװענדעטער אַרבעט 10 אײנסן. װען די נאָרמע פונעם רעװעכ זאָל באַטרעפן 100 פּראָצענט, װאָלט דער קאַפּיטאַליסט צוגעגעבן צום אױסגעצאָלטן לױן נאָך 10 אײנסן; און װען די ערד־רענטע זאָל אױך אױסמאַכן 100 פּראָצענט פון אַרבעטלױן, װאָלט צוגעקומען נאָך 10 אײנסן, און דער אַלגעמײנער פּרײַז פון דער סכוירע װאָלט אױסגעמאַכט 30 אײנסן. אָבער אײַנשטעלן אַזױאַרום דעם פּרײַז הײסט פּשוט באַשטימען אים דורך דעם אַרבעטלױן. װען דער אַרבעטלױן זאָל אין אַזאַ פאַל שטײַגן ביז 20, װאָלט דער פּרײַז פון דער סכוירע געשטיגן ביז 60 אאַװ. אַלע פאַרעלטערטע עקאָנאָמיסטן, װאָס האָבן פאַרטײדיקט די דאָגמע, אַז דעם פּרײַז רעגולירט דער אַרבעטלױן, פלעגן דאָס דערװײַזן, באַטראַכטנדיק דעם רעװעכ און די ערד־רענטע בלױז אַלס פּראָצענט-צוגאָבן צום אַרבעטלױן. נאַטירלעכ, האָט קײנער פון זײ ניט געקאָנט דערפירן די גרענעצן פון די דאָזיקע פּראָצענט־צוגאָבן צו אַװאָסער-ניט־איז עקאָנאָמישן געזעץ. פאַרקערט, זײ האָבן, אַפּאָנעם, געגלײבט, אַז דער רעװעכ װערט אײַנגעשטעלט לױט טראַדיציע, געװױנהײַט, לױטן פאַרלאַנג פון די

קאפיטאליסטנ אָדער אפ עפעס אנ אנדער ווילקירלעכנ אונ אומפארשטענדלעכנ אויפנ. אונ אויב זיי האָבנ באהויפטעט, אז דער רעוועכ רעגולירט די קאָנקורענצ צווישנ די קאפיטאליסטנ, הייסט עס איבערהויפט גאָרנישט געזאָגט. די דאָזיקע קאָנקורענצ גלײַכט אוואדע אויס די פארשיידענע נאָרמעס פונ רעוועכ אינ די פארשיידענע צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע אָדער זי ברענגט זיי צו איינ דורכשניטלעכער גרייס, אָבער זי קאָנ קיינמאָל ניט באשטימענ ניט די דאָזיקע גרייס גופע, ניט די אלגעמיינע נאָרמע פונעמ רעוועכ.

וואָס מיינענ מיר דערמיט, ווענ מיר זאָגנ, אז דער פרײַז פונ די סכוירעס ווערט באשטימט דורכנ ארבעטלוינ? אזויווי ארבעטלוינ איז נאָר דער נאָמענ פונעמ פרײַז פונ דער ארבעט, זאָגנ מיר דערמיט, אז די פרײַזנ פונ די סכוירעס ווערנ רעגולירט דורכנ פרײַז פונ דער ארבעט. אזויווי „פרײַז" איז א טויש-ווערט, — ווענ איכ רייד וועגנ ווערט, האָב איכ שטענדיק אינזינענ טויש־ווערט, אונ טאקע טויש-ווערט, וואָס איז אויסגעדריקט אינ געלט, — זאָגנ אונדז די דאָזיקע ווערטער, אז: „דער ווערט פונ א סכוירע ווערט באשטימט דורכנ ווערט פונ דער ארבעט" אָדער, אז „דער ווערט פונ דער ארבעט איז די אלגעמיינע מאָס פונ די ווערטנ".

וויאזוי־זשע ווערט אָבער דעמלט באשטימט דער ווערט פונ דער ארבעט גופע? אָט־דאָ קומענ מיר צו צו א פונקט, וואָס ווײַטער קאָנ מענ ניט גיינ. נאטירלעכ, אויב מיר זאָלנ אורטיילנ לאָגיש. אָבער די פארטיידיקער פונ דער דאָזיקער דאָקטרינע מאכנ ניט קיינ גרויס וועזנ פונ לאָגיק. נעמט, לעמאָשל, אונדזער פרײַנט וועסטאָנ. צוערשט האָט ער אונדז דערציילט, אז די פרײַזנ פונ די סכוירעס ווערנ באשטימט דורכנ ארבעטלוינ אונ אז בא א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ מוזנ אלזאָ שטײַגנ די פרײַזנ פונ די סכוירעס. נאָכדעמ דרייט ער זיכ ארומ צו דערווײַזנ, אז א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ וואָלט ניט געבראכט קיינ שום נוצנ, ווײַל עס וואָלטנ געשטיגנ די פרײַזנ פונ די סכוירעס אונ דער ארבעטלוינ ווערט דאָכ פאקטיש געמאָסטנ מיט די פרײַזנ פונ די סכוירעס, אפ וועלכע ער ווערט פארטאָנ. אלזאָ, אָנגעהויבנ האָבנ מיר פונ דער באהויפטונג, אז דעמ ווערט פונ די סכוירעס באשטימט דער ווערט פונ דער ארבעט, אונ אויסגעלאָזט האָבנ מיר דערמיט, וואָס מיר זאָגנ, אז דעמ ווערט פונ דער ארבעט באשטימט דער ווערט פונ די סכוירעס. אָט אזוי דרייענ מיר זיכ

ארום אין פארקישעפטן קרייז און מיר קאָנען ניט קומען צו קיין שום אויספיר.

בּיכלאל איז קלאָר, אז אויב מיר ווילן דעם ווערט פון א סכוי-רע — צי פון ארבעט, צי פון טוווּע, צי פון וואָסער־עס־איז אנ-דער סכוירע — אויב מיר ווילן איר ווערט מאכן פאר אן אלגעמיינעם מאָסשטאב און פאר א רעגוליאטער פון ווערט, ווילן מיר זיך דער־מיט בלויז פארשאפן שוועריקייטן, ווייל מיר ווילן באשטימען איין ווערט דורך א צווייטן, וואָס אים גופא דארף מען נאָך ערשט פריער באשטימען.

אבסטראקט אויסגעדריקט, פירט די דאָגמע „דער ארבעטלוין בא־שטימט די פרייזן אפ סכוירעס" צו אן אנדער האנאָכע: „דעם ווערט באשטימט דער ווערט"; און די דאָזיקע טאווטאָלאָגיע באווייזט, אז מיר וויסן פאקטיש גאָרנישט וועגן דעם ווערט. ווען מיר זאָלן אָנע־מען די דאָזיקע האנאָכע, וועט יעדע דיסקוסיע איבער די אלגע־מיינע געזעצן פון פאָליטישער עקאָנאָמיע ווערן פאָשעטע פלוידערייַ. ריקארדאָס גרויסער פארדינסט איז, וואָס אין זיין ווערק, פארעפנט־לעכט אין יאָר 1817, „וועגן די פרינציפן פון פאָליטישער עקאָנאָמיע", האָט ער גרינטלעך צעשטערט די אלטע פארשפרייטע, שוין לאנג פארעלטערטע פעלערהאפטע לערע, אז „דער ארבעטלוין באשטימט דעם פרייז פון די סכוירעס", — א פעלערהאפטע לערע, וואָס אדאם סמיט און זיינע פראנצויזישע פאָרגייער האָבן אָפּגעלייקנט אין די ווירק־לעך־וויסנשאפטלעכע טיילן פון זייערע ווערק און האָבן עס, פונ-דעסטוועגן, ווידער פאָרמולירט אין די קאפיטלען, וואָס זיינען בא-שטימט פארן ברייטן עולם.

VI. ווערט און ארבעט

בירגער! איצט בין איך צוגעקומען צו דעם פונקט, ווו איך מוז ווירקלעך צוטרעטן צו אנטוויקלען די פראגע. איך קאָן ניט צוזאָגן, אז איך וועל עס מאכן אפ א פולשטענדיק באפרידיקנדיקן אופן, ווייל דערצו וואָלט איך געמוזט דורכגיין די גאנצע פאָליטישע עקאָ־נאָמיע. איך קאָן נאָר, ווי די פראנצויזן זאָגן, «effleurer la question», דאָס הייסט, בארירן די הויפּט־פונקטן.

די ערשטע פראגע, וואָס מיר דארפן שטעלן, איז אזא: וואָס איז אזוינס דער ווערט פון א סכוירע? וויאזוי ווערט ער באשטימט?

אפן ערשטן קוק קאָן זיך דוכטן, אז דער ווערט פון א סכוירע איז א גאנצ רעלאטיווע זאך, און מען קאָן אים ניט באשטימען, אויב מע זאָל ניט באטראכטן איינ סכוירע אינ אירע באציונגען צו אנדערע סכוירעס. פאקטיש, איז ווען מיר ריידן וועגן דעם ווערט, וועגן דעם טויש-ווערט פון א סכוירע, מיינען מיר די פראָפּאָרציאָנעלע סכומען אנדערע סכוירעס, אפ וועלכע מען קאָן זי אויסבייטן. דאן אָבער אנטשטייט די פראגע: ווי־זשע ווערן רעגולירט די פראָפּאָרציעס, אינ וועלכע די סכוירעס ווערן אויסגעטוישט איינע אפ דער אנדערער?

פון דער דערפארונג ווייסן מיר, אז די דאָזיקע פראָפּאָרציעס זיינען אָן א שיר פארשיידנארטיק. ווען מיר נעמען נאָר אייניינציקע סכוירע, לעמאָשל, ווייצ, זעען מיר, אז א קווארטער ווייצ ווערט אויס-געטוישט אפ אנדערע סכוירעס אינ קימאט אָן א שיר פארשיידענע פראָפּאָרציעס. אָבער אזויווי זיין ווערט בלייבט שטענדיק דער זעלבער, מוז דאָך דער דאָזיקער ווערט,—צי ער ווערט אויסגעדריקט אינ זייד, צי אינ גאָלד צי אינ וואָסער־עס־איז אנדער סכוירע,—האָבן אינ זיך עפּעס אזוינס, וואָס אונטערשיידט אים און מאכט אים אומאָפּהענגיק פון די פראָפּאָרציעס, אינ וועלכע ער ווערט אויסגעטוישט אפ אנדערע סכוירעס. עס מוז דאָך זיין א מעגלעכקייט אויסצודריקן גאָר אינ אן אנדער פאָרם אָט די פארשיידענע גלייכונג-פארהעלטענישן מיט פארשיידענע סכוירעס.

ווייטער. ווען איך זאָג, אז א קווארטער ווייצ ווערט אויסגעטוישט אפ אייזן אינ א באשטימטער פראָפּאָרצ, אָדער, אז דער ווערט פון א קווארטער ווייצ ווערט אויסגעדריקט אינ א באשטימטן סכום אייזן, מיינ איך דערמיט צו זאָגן, אז דער ווערט פון ווייצ און זיינ עקוויוואלענט אינ אייזן זיינען ביידע גלייך צו וואָסער־עס־איז דריטער זאך, וואָס איז ניט קיינ ווייצ און ניט קיינ אייזן, ווייל איך נעם דערביי אָן, אז זיי שטעלן מיט זיך פאָר איינ און די זעלבע גרייס אינ צוויי פארשיידענע פאָרמען. דערפאר מוז יעדער פון זיי—דאָס אייזן אָדער דער ווייצ, אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן, קאָנען רעדוצירט ווערן צו יענער דריטער זאך, וואָס איז די געמיינזאמע מאָס פאר זיי ביידן.

קעדיי צו באלייכטן דעם דאָזיקן פונקט, וועל איך ברענגען א פּאָשעטן ביישפּיל פון געאָמעטריע. ווען מיר פארגלייכן דעם שעטעך

פונ דרײַעקנ פונ פארשיידענע פאָרמענ אונ גרייסנ אָדער דרײַעקנ מיט גראָדעקנ אָדער מיט װעלכע-עס-איז אנדערע גראָדליניקע פיגורנ, איז װי טוענ מיר דערבײַ?

מיר ברענגענ דעם שעטעכ פונ יעדנ דרײַעק צו אנ אויסדרוק, װאָס אונטערשיידט זיכ אינגאנצנ פונ זײַנ אויסערלעכער געשטאלט. אונ נאָכ דעמ, װי מיר האָבנ אויסגעפונענ אפנ סמאכ פונ די אייגנ־שאפטנ פונעמ דרײַעק, אז זײַנ שעטעכ באטרעפט א העלפט פונ דעמ רעזולטאט, װאָס באקומט זיכ, װענ מע קייפלט דעמ באזיס אפ דער הייכ, קאָנענ מיר פארגלײַכנ די פארשיידענע גרייסנ פונ אלע מינימ דרײַעקנ אונ פונ אלע גראָדליניקע פיגורנ, װײַל יעדע פונ זיי קאָנ צעלייגט װערנ אפ א געװיסנ סכומ דרײַעקנ.

דעמ זעלבנ מעטאָד דארפ מענ אָנװענדנ אויכ צו די װערטנ פונ די סכוירעס. מיר דארפנ האָבנ די מעגלעכקײַט צו רעדוצירנ זיי אלע צו איינ אלגעמיינעמ אויסדרוק, אונטערשיידנדיק זיי איינעמ פונעמ אנדערנ נאָר נאָכ דער פראָפאָרצ, אינ װעלכער יעדע פונ זיי האָט אינ זיכ איינ אונ די זעלבע אידענטישע מאָס.

אזויװי די טויש-װערטנ פונ די סכוירעס זײַנענ נאָר געזעל־שאפטלעכע פונקציעס פונ די דאָזיקע זאכנ אונ זיי האָבנ גאָרנישט צו טאָנ מיט זייערע נאטירלעכע אייגנשאפטנ, מוזנ מיר אפריִער פרעגנ: װאָס איז די געמיינזאמע געזעלשאפטלעכע סובסטאנצ פונ אלע סכוי־רעס? דאָס איז די *ארבעט*. קעדיי צו שאפנ א סכוירע, מוז מענ אינ איר ארײַנלייגנ אָדער פארטאָנ אפ איר א באשטימטנ סכומ ארבעט. איכ זאָג: ניט סטאמ ארבעט, נאָר *געזעלשאפטלעכע ארבעט*. א מענטש, װאָס פראָדוצירט א זאכ פאר זײַנ אייגענעמ, דירעקטנ געברויכ, דאָס הייסט, קעדיי אליינ צו באניצנ זי, שאפט א פראָדוקט, אָבער ניט קיינ סכוירע. אלס א פראָדוצירער, װאָס ארבעט פאר זיכ אליינ, האָט ער גאָרנישט צו טאָנ מיט דער געזעלשאפט. אָבער קעדיי צו פראָדוצירנ א סכוירע, דארפ דער מענטש ניט בלויז שאפנ א פראָדוקט, װאָס באפרידיקט אװעלכע־עס-איז געזעלשאפטלעכע באדערפעניש, נאָר זײַנ ארבעט גופע דארפ אויכ בילדנ א טייל אונ א שטיק פונ דער אלגעמיינער סומע ארבעט, װאָס די געזעלשאפט פארטוט. זי מוז זײַנ אונטערגעװאָרפנ דער ארבעט־צעטיילונג אינערלעכ אינ דער געזעל־שאפט. אָנ די אנדערע ארבעט־צעטיילונגענ איז זי גאָרנישט, אונ זי פונ איר זײַט מוז זיי דערגאנצנ.

ווען מיר באטראכטן די סכוירעס אלס ווערטן, באטראכטן מיר זיי אויסשליסלעך פונעם שטאנדפונקט פון רעאליזירטער, פיקסירטער, אָדער, אויב איר ווילט, קריסטאליזירטער געזעלשאפטלעכער ארבעט. אין דעם פראט קאָנען זיי זיך אונטערשיידן איינע פון דער אנדערער בלויז דערמיט, וואָס זיי שטעלן פאָר א גרעסערן אָדער א קלענערן סכום ארבעט: צומבייַשפּיל, אין א זייַדענעם טאשן־טיכל קאָן זייַן ארייַנגעלייגט מער ארבעט איידער אין א ציגל. אָבער ווי מעסט מען אויס דעם סכום ארבעט? לויט דער צייַט, וואָס גייט אוועק אף דער ארבעט: שאָען, טעג אאוו. נאטירלעך, קעדיי צו מאכן אזא אויס־מעסטונג, דארף מען פריער רעדוצירן אלע ארטן ארבעט צו דער דורכשניטלעכער אָדער איינפאכער ארבעט, אלס זייער איינס.

אזויארום קומען מיר צום אויספיר: א סכוירע האָט א ווערט, ווייַל זי איז א קריסטאליזירונג פון געזעלשאפטלעכער ארבעט. די גרייס פון איר ווערט אָדער איר רעלאטיווער ווערט הענגט אָפּ פונעם גרע־סערן אָדער קלענערן סכום פון דער געזעלשאפטלעכער סובסטאנץ, וואָס אנטהאלט זיך אין איר, דאָס הייסט, פונעם רעלאטיוון סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ צו שאפן זי. דער רעלאטיווער ווערט פון די סכוירעס ווערט אזויארום באשטימט דורך דעם אנטשפּרעכיקן סכום אָדער דורך דער סומע ארבעט, וואָס איז אין די דאָזיקע סכוירעס פארטאָן, רעאליזירט און פיקסירט געוואָרן אין זיי. אנטשפּרעכיקע סכומען סכוירעס, וואָס מען קאָן פּראָדוצירן אין איין און דעם זעלבן סכום ארבעט־צייַט, האָבן א גלייַכן ווערט. אָדער: דער ווערט פון איין סכוירע באציט זיך צום ווערט פון דער צווייטער סכוירע, ווי די ארבעט, וואָס איז פיקסירט אין דער ערשטער סכוירע, באציט זיך צו דעם סכום ארבעט, וואָס איז פיקסירט אין דער צווייטער.

איך שטעל מיר פאָר, אז א סאך פון אייַך וועלן פרעגן: איז דען ווירק־לעך פאראן אזא גרויסער אונטערשייד אָדער ביכלאל אוועלכער־עס־איז אונטערשייד צווישן דעם באשטימען דעם ווערט פון די סכוי־רעס אפן סמאך פון ארבעטלוין און דעם באשטימען אים אפן סמאך פון דעם רעלאטיוון סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק צו שאפן זיי? איר מוזט זיך קלאָר מאכן, אז די באלוינונג פאר דער ארבעט און דער סכום ארבעט זייַנען צוויי גאָר פארשיידנארטיקע זאכן. לאָמיר, אשטייגער, אָנעמען, אז אין א קווארטער ווייץ און אין א אונצ

גאָלד איז פיקסירט א גלײַכער סכום ארבעט. איך נעם דעם דאָזיקן בײַשפּיל דערפאר, ווײַל אים האָט באניצט בענדזשאמען פראנקלין אין זײַן ווערק: „A modest Jnquiry into the Nature and Necessity of a paper currency"[1] (פארעפנטלעכט אין יאָר 1721), ווו ער האָט איינער פון די ערשטע געטראָפן דעם ריכטיקן טאָך פונעם ווערט. נו, מיר נעמען אלזאָ אָן, אז א קווארטער ווייץ און א אונץ גאָלד שטעלן פאָר גלײַכע ווערטן אָדער עקוויוואלענטן, ווײַל זיי זײַנען קריסטאליזירונגען פון גלײַכע סכומען דורכשניטלעכע ארבעט, וואָס איז פארטאָן געוואָרן אפ זיי אין מעשעך פון אזויפיל און אזויפיל טעג, אָדער אזויפיל און אזויפיל וואָכן. ווען מיר באשטימען אזויארום די רעלאטיווע ווערטן פון ווייץ און גאָלד, ווײַזן מיר דען דערבײַ אָן אפן ארבעטלוין פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אָדער פון די בארג־ארבעטער? הייבט זיך גאָר ניט אָן. מיר לאָזן גאָר אומבאשטימט, וויאזוי מע האָט באצאָלט פאר זייער טאָג־ארבעט אָדער וואָך-ארבעט און צי איז ביכלאל דאָ באניצט געוואָרן לוין־ארבעט. אויב ס'איז יאָ באניצט געוואָרן לוין־ארבעט, האָט דער לוין געקאָנט זײַן גאָר ניט קיין גלײַכער. דער ארבעטער, וואָס זײַן ארבעט שטעקט אין א קווארטער ווייץ, האָט געקאָנט באקומען נאָר צוויי בושל ווייץ, און דער ארבעטער, וואָס איז באשעפטיקט אין דער בארג־אינדוסטריע, האָט געקאָנט באקומען א האלבע אונץ גאָלד. אָדער אויב מיר זאָלן אָנעמען, אז זייער ארבעטלוין איז גלײַך, קאָן ער דאָך פארשיידנארטיק אָפּווײַכן פונעם ווערט פון די געגנשטאנדן, וואָס זיי האָבן אויסגעארבעט: ער קאָן אנטהאלטן א העלפט, א דריטל, א פערטל, א פינפטל אָדער אוואָסערן-עס־איז אנדערן טייל פון א קווארטער ווייץ צי פון א אונץ גאָלד. דער ארבעטלוין פון די דאָזיקע ארבעטער קאָן, נאטירלעך, ניט איבערשטײַגן די ווערטן פון די סכוירעס, וואָס זיי ארבעטן אויס, ער קאָן ניט זײַן העכער פון זיי, אָבער ער קאָן זײַן נידעריקער פון זיי אין א פארשיידענער מאָס. זייער ארבעטלוין איז באגרענעצט מיט די ווערטן פון די פראָדוקטן, אָבער די ווערטן פון די פראָדוקטן זײַנען ניט באגרענעצט מיט זייער לוין. און פריער פאר אלץ, איז די ווערטן, צום־

1 „א באשיידענע אויספאָרשונג וועגן דער נאטור און דער נויטווענדיקייט פון פאפיר־געלט".

בײַשפּיל, די רעלאַטיווע ווערטן פון טווע און גאָלד, ווערן אײַנגעשטעלט גאָר אומאָפּהענגיק פונעם ווערט פון דער ארבעט, וואָס איז אין זיי ארײַנ-געלייגט געוואָרן, — דה. פונעם ארבעטלוין. דאָס באַשטימען די ווערטן פון די סכוירעס לויט די רעלאַטיווע סכומען ארבעט, וואָס איז אין זיי ארײַנגעלייגט געוואָרן, איז דעריבער קלאָר ניט דאָס, וואָס דער טאַווטאָלאָ-גישער מעטאָד צו באַשטימען די ווערטן פון די סכוירעס לויטן ווערט פון דער ארבעט אָדער לויטן ארבעטלוין. דעם דאָזיקן פונקט וועלן מיר נאָך באַלײַכטן אויספירלעכער אין דער ווײַטערדיקער אויספאָרשונג.

באַם אויסרעכענען דעם טויש-ווערט פון א סכוירע דאַרפן מיר צוגעבן צו דעם סכום ארבעט, וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן אף פּראָ-דוצירן די סכוירע גופא, דעם סכום ארבעט, וואָס איז ארײַנגעלייגט געוואָרן פריִער אין דעם רוישטאָף, ווי אויך די ארבעט, וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן אף געצײַג, אינסטרומענטן, מאַשינען און געבײַדעס, וואָס זײַנען בא יענער ארבעט גענומען געוואָרן צו הילף. צום בײַש-פּיל, דער ווערט פון א באַשטימטן סכום באַוול-גאַרן איז דער קריסטאַ-ליזירטער סכום ארבעט, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרן צו דעם באַוול בײַם שפּינען; דער סכום ארבעט, וואָס איז פריִער רעאַליזירט גע-וואָרן אין די באַוול גופא; דער סכום ארבעט, וואָס איז ארײַנגעלייגט געוואָרן אין די קוילן, אייל און אין אַנדערע באַהילפיקע מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק פאַר דער ארבעט; דער סכום ארבעט, וואָס איז פיקסירט געוואָרן אין די דאַמפּ-מאַשינעס, שפּינדלען, פאַבריק-געבײַ-דעס אאַוו. די אייגנטלעכע פּראָדוציר-מיטלען, ווי, לעמאָשל, די אינס-טרומענטן, מאַשינעס, געבײַדעס ווערן גענוצט א לענגערע אָדער א קירצערע צײַט אין פאַרלויף פון די פּראָדוציר-פּראָצעסן, וואָס כאַזערן זיך איבער. ווען זיי זאָלן אויסגענוצט ווערן אין איין מאָל, ווי רוי-מאַטעריאַל, וואָלטן זיי מיטאַמאָל אריבערגעטראָגן זייער גאַנצן ווערט אף די סכוירעס, וואָס זיי האָבן געהאָלפן אויסאַרבעטן. אָבער אַזויווי, לעמאָשל, א שפּינדל ווערט אָפּגענוצט ביסלעכווײַז, ווערט געמאַכט א דורכשניט-קאַלקולאַציע. אין גרונט ווערט געלייגט די דורכשניט-צײַט, וואָס איז נייטיק אף אויסצואַרבעטן אים, און זײַן דורכשניטלעכע אָפּנוצונג אָדער אָנווענדונג אין משך פון א באַשטימטער צײַט, לאָמיר זאָגן, פון א טאָג. אַזויאַרום רעכענען מיר אויס, וואָס פאַר א טייל פונעם ווערט פון א שפּינדל עס גייט אריבער אין דעם גאַרן, וואָס איז אויסגעשפּינט געוואָרן אין משך פון טאָג, און וואָס פאַר א

טייל פון דער גאנצער סומע ארבעט, וועלכע איז רעאליזירט געוואָרן, צומבײַשפּיל, אין א פונט גארן, פאלט אויס אפ דער ארבעט, וואָס איז געווען פריִער רעאליזירט אינעם שפּינדל. צוליב אונדזער איצטיקן צוועק איז ניט נייטיק אָפּצושטעלן זיך ווײַטער אפ דעם דאָזיקן פונקט.

עס קאָן זיך דוכטן, אז וויבאלד דער ווערט פון א סכוירע ווערט באשטימט דורכן סכום ארבעט, וואָס איז פארטאָן געוואָרן אפ שאפן זי, דריינגט דאָך דערפון ארויס, אז וואָס פוילער און אומפּייַקער אן ארבעטער איז, אלץ גרעסער וועט זײַן דער ווערט פון דער סכוירע, וואָס ער ארבעט אויס, ווײַל אפ אויסארבעטן די סכוירע וועט ער דארפן האָבן אנטשפּרעכיק מער צײַט. אָבער דאָס וואָלט געווען א שווערער טעָעס. איר געדענקט, אז איך האָב באניצט דעם אויסדרוק „געזעלשאפטלעכע ארבעט", און אין דער דאָזיקער כאראקטעריסטיק „געזעלשאפטלעכע" שטעקן א סאך אָנווײַזונגען. ווען מיר זאָגן, אז דער ווערט פון א סכוירע ווערט באשטימט דורך דעם סכום ארבעט, וואָס איז אפ איר פארטאָן געוואָרן, אָדער איז אין איר קריסטאליזירט געוואָרן, מיינען מיר דערמיט דעם סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ צו שאפן זי באם געגעבענעם צושטאנד פון דער געזעלשאפט, בא באשטימטע געזעלשאפטלעכע דורכשניטלעכע פּראָדוציר-באדינגונגען, בא דער געגעבענער געזעלשאפטלעכער דורכשניטלעכער אינטענסיווקײַט און דורכשניטלעכער געניטקײַט פון דער אָנגעווענדטער ארבעט. ווען דער מעכאנישער וועב-שטול האָט אין ענגלאנד גענומען קאָנקורירן מיטן האנט-שטול, האָט מען באדארפט האָבן ניט מער ווי א העלפט פון דער פריִערדיקער ארבעט-צײַט צום פארוואנדלען א באשטימטן סכום גארן אין אן איילן טוך אָדער קאטון. דער אָרעמער וועבער, וואָס האָט געארבעט בא א האנט-שטול, פלעגט אָפּזיצן בא דער ארבעט 17 און 18 שעָה א טאָג אָנשטאָט די 9 און 10 שעָה, וואָס ער האָט געארבעט פריִער. אָבער דער פּראָדוקט פון זײַן 20-שעָהיקער ארבעט האָט איצט פאָרגעשטעלט נאָר 10 געזעלשאפטלעכע שעָה אָדער 10 שעָה געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס מע דארף האָבן צו פארוואנדלען א באשטימטן סכום גארן אין געוועב. זײַן פּראָדוקט, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרן אין מעשעך פון 20 שעָה, האָט ניט געהאט מער ווערט, ווי דער פּראָדוקט פון זײַן פריִערדיקער 10-שעָהיקער ארבעט.

אלזאָ, אויב דער סכום געזעלשאפטלעך נייטיקע ארבעט, וואָס איז

פארקערפערט אין די סכוירעס, רעגולירט זייער טויש-ווערט, מוז יעדע פארגרעסערונג פון דעם סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפּ צו פּראָ-דוצירן די סכוירע, העכערן דעם ווערט פון דער סכוירע, און פאר־קערט — יעדע פארקלענערונג מוז אים פארקלענערן.

ווען דער סכום־ארבעט, וואָס איז נייטיק צו שאפן פארשיידנערליי סכוירעס, זאָל בלייבן קאָנסטאנט, וואָלטן אויך די רעלאטיווע ווערטן פון די סכוירעס געווען קאָנסטאנט. אָבער ניט דאָס זעען מיר אין דערווירקלעכקייט. דער סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפּ צו פּראָ-דוצירן וועלכע-עס־איז סכוירע, בייט זיך שטענדיק צוזאמען דערמיט, ווי עס ענדערט זיך די פּראָדוקטיוו-קראפט פון דער אָנגעווענדעטער ארבעט. וואָס גרעסער עס איז די פּראָדוקטיוו־קראפט פון דער אר־בעט, אלץ מער פּראָדוקטן ווערן אויסגעארבעט אין דער געגעבענער ארבעט־צייט, און פארקערט — וואָס קלענער עס איז די פּראָדוקטיוו-קראפט פון דער ארבעט, אלץ ווינציקער פּראָדוקטן ווערן אויסגעאר־בעט אין דער זעלבער צייט. צומביישפּיל, ווען עס זאָל זיך ארויס-ווייזן פאר נייטיק — בא א פארגרעסערונג פון דער באפעלקערונג — צו באארבעטן ווייניקער פרוכטבארע ערד, וואָלט מען געמוזט אָנווענדן א גרעסערן סכום ארבעט צו באקומען דעם זעלבן סכום פּראָדוקטן, און איבער דעם וואָלט דער ווערט פון די לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן געמוזט שטייגן. פון דער אנדער זייט, איז קלאָר, אז אויב א שפּינער פארוואנדלט אין גארן מיט הילף פון מאשינען-פּראָדוצירונג אין מעשעך פון א ארבעטסטאָג פיל טויזנט מאָל מער באוול, איידער ער וואָלט עס געקאָנט טאָן אין דער זעלבער צייט מיט א שפּינראָד, שליגט אין יעדער איינצלנער פונט באוול טויזנט מאָל ווייניקער ארבעט פונעם שפּינער איידער פריער, און דער ווערט, וואָס דאָס שפּינען גיט צו יעדן איינצלנעם פונט באוול, וועט דע־ריבער זיין טויזנט מאָל קלענער איידער פריער. דער ווערט פון גארן מוז אנטשפּרעכיק פארקלענערט ווערן.

אכוץ דעם אונטערשייד אין דער נאטירלעכער ענערגיע און אין דער דערוואָרבענער געניטקייט אין דער ארבעט בא פארשיידענע פעלקער, הענגט אָפּ די פּראָדוקטיווקייט פון דער ארבעט דעריקער:

ערשטנס, פון די נאטור-באדינגונגען פון דער ארבעט, פון דער פרוכטבארקייט פון באָדן, פון די ארץ־גרובנס אאוו.

צווייטנס, פון דער פּראָגרעסירנדיקער פארבעסערונג פון דער

געזעלשאפטלעכער ארבעטקראפט, וואָס קומט אדאנק דער גרויסער פארברייטערונג פונ דער פראָדוקציע, דער קאָנצענטראציע פונ קאפיטאל, דער קאָמבינירונג אונ דער צעטיילונג פונ דער ארבעט, אדאנק דעם אײַנפירנ מאשינעס, פארבעסערנ די מעטאָדנ, אָנווענדנ כימישע אונ אנדערע נאטור-קרעפטנ, פארקירצנ צײַט אונ רוים דורכ פארקער־ אונ טראנספאָרט־מיטלענ, ווי אויכ אדאנק די אלע אנדערע דערפינדונגענ, מיט וועלכע די וויסנשאפט צווינגט די נאטור־קרעפטנ צו דינענ דער ארבעט, אונ דער געזעלשאפטלעכער אָדער דער קאָאָפעראטיווער כאראקטער פונ דער ארבעט דערגרייכט זײַנ פולע אנטוויקלונג. וואָס גרעסער עס איז די פראָדוקטיווקײַט פונ דער ארבעט, אלצ וויניקער ארבעט דארפ מענ פארטאָנ אפ פראָדוצירנ א באשטימטנ סכום פראָדוקטנ, אונ דעריבער איז אלצ קלענער דער ווערט פונעם פראָדוקט. וואָס קלענער עס איז די פראָדוקטיווקײַט פונ דער ארבעט, אלצ מער ארבעט ווערט פארטאָנ אפ פראָדוצירנ דעם זעלבנ סכום פראָדוקטנ אונ אלצ גרעסער איז דעמלט זייער ווערט.

דעריבער קאָנענ מיר פעסטשטעלנ אלס אנ אלגעמיינעם געזעצ, אז:

די ווערטנ פונ די סכוירעס זײַנענ דירעקט פראָפארציאָנעל צו דעם סכום ארבעטצײַט, וואָס איז פארטאָנ געוואָרנ אפ פראָדוצירנ זיי, אונ פארקערט־פראָפאָרציאָנעל צו די פראָדוקטיוו־קרעפטנ פונ דער אָנגעווענדטער ארבעט.

איכ האָב ביז איצט גערעדט נאָר וועגנ דעם ווערט. איצט וועל איכ צוגעבנ עטלעכע ווערטער וועגנ דעם פרײַז, וואָס איז א באזונדערע פאָרמ, וועלכע דער ווערט נעמט אָנ.

אנ אונ פאר זיכ גענומענ, איז דער פרײַז ניט מער, ווי דער געלט־אויסדרוק פונעמ ווערט. די ווערטנ פונ אלע סכוירעס דאָ אינ לאנד, לעמאָשל, ווערנ אויסגעדריקט אינ גאָלד־פרײַזנ, אפנ קאָנטינענט ווידער ווערנ זיי אויסגעדריקט דעריקער אינ זילבער־פרײַזנ. דעמ ווערט פונ גאָלד אָדער זילבער, ווי דעם ווערט פונ אלע אנדערע סכוירעס, באשטימט דער סכומ ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ ארויסצובאקומענ זיי. איר בײַט א באשטימטנ סכומ פונ אײַערע נאציאָנאלע פראָדוקטנ, אינ וועלכע עס איז קריסטאליזירט געוואָרנ א באשטימטער סכומ פונ אײַער נאציאָנאלער ארבעט, אפ פראָדוקטנ פונ יענע לענדער, וועלכע פראָדוצירנ גאָלד אונ זילבער, וואָס

אינ זיי איז קריסטאליזירט א באשטימטער סכום פונ זייער ארבעט. אזוי־ארום לערנט איר זיכ פאקטיש דורכנ מארק אויסצודריקנ אינ גאָלד אונ אינ זילבער די ווערטנ פונ אלע סכוירעס, דאָס הייסט, די אנטשפרעכיקע סכומענ ארבעט, וואָס זײַנענ פארטאָנ געוואָרנ אפ צו שאפנ זיי. אויב איר וועט ארײַנדרינגענ גענויער אינעם געלט־אויס־דרוק פונעם ווערט אָדער — וואָס דאָס איז איינס אונ זעלבע — אינ דעמ, ווי דער ווערט פארוואנדלט זיכ אינ פרײַזנ, וועט איר אײַנזענ, אז דאָס איז דער פראָצעס, דורכ וועלכנ איר גיט די ווערטנ פונ אלע סכוירעס אנ אומאָפהענגיקע אונ גלײַכארטיקע פאָרמ, אָדער דורכ וועלכנ איר באצייכנט זיי אלס סכומענ פונ אלציינער געזעלשאפטלעכער ארבעט. דעמ פרײַז — טאקע נאָר אלס דעמ געלט־אויסדריק פונ ווערט — האָט אדאמ סמיט אָנגערופנ „נאטירלעכער פרײַז“, אונ די פראנצויזישע פיזיאָקראטנ האָבנ אימ אָנגערופנ „נייטיקער פרײַז“ („Prix necessaire“).

וואָס פאר א פארהעלטעניש עקזיסטירט אָבער צווישנ דעמ ווערט אונ דעמ מארק-פרײַז, אָדער צווישנ די נאטירלעכע פרײַזנ אונ די מארק-פרײַזנ? איר ווייסט אלע, אז דער מארק-פרײַז אפ אלע סכוירעס פונ איינ מינ איז איינ אונ דער זעלבער, ווי פארשיידנ עס זאָלנ ניט זײַנ די פראָדוציר-באדינגונגענ פונ די איינצלנע פראָדוצירער. דער מארק-פרײַז דריקט אויס בלויז דעמ דורכשניטלעכנ סכומ געזעלשאפטלעכע ארבעט, וואָס איז נייטיק בא דורכשניטלעכע פראָדוציר־באדינגונגענ צו באזאָרגנ דעמ מארק מיט א באשטימטער מאסע פונ א געוויסנ ארטיקל. ער ווערט אויסגערעכנט אינ איינקלאנג מיטנ גאנצנ סכומ סכוירעס פונ א באשטימטנ מינ.

אפ אזויפיל שטימט דער מארק-פרײַז פונ א סכוירע מיט איר ווערט. פונ דער אנדערער זײַט, זײַנענ די וואקלונגענ פונ די מארק-פרײַזנ — וואָס אָט הייבנ זיי זיכ אופ העכער פונעמ ווערט אָדער פונ דעמ נאטירלעכנ פרײַז אונ אָט לאָזנ זיי זיכ אראָפ נידעריקער פונ אימ, — אָפהענגיק פונ די וואקלונגענ פונעמ אָנבאָט אונ נאָכפרעג. די מארק-פרײַזנ ווײַכנ שטענדיק אָפ פונ די ווערטנ. אָדער ווי אדאמ סמיט האָט געזאָגט: „דער „נאטירלעכער פרײַז“ איז דער מיטל-פרײַז, צו וועלכנ עס ציענ זיכ שטענדיק די פרײַזנ פונ די סכוירעס. פארשיידענע צופעליקײַטנ קאָנענ זיי אמאָל אײַנהאלטנ א סאכ העכער פארנ ווערט אונ אמאָל אפילע אראָפזעצנ נידעריקער פונ אימ. אָבער ווי

גרויס עס זאָלן ניט זײַן די מעניָעס, וואָס לאָזן זיי ניט אָפּשטעלן זיך בא אָט דעם צענטער פון רו און שטאַנדהאַפטיקייט, שטרעבן זיי דאָך שטענדיק צו אים".

איך קאָן איצט ניט ריידן וועגן דעם אויספירלעכ. ס'איז גענוג צו זאָגן, אז ווען דער אָנבאָט און דער נאָכפרעג געפינען זיך אין צושטאַנד פון גלײַכגעוויכט, שטימען די מארק-פרײַזן מיט זייערע נאַטירלעכע פרײַזן, דאָס הייסט, מיט זייערע ווערטן, וועלכע עס באַשטימט דער סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ צו פּראָדוציִרן זיי. אָבער דער אָנבאָט און דער נאָכפרעג מוזן שטענדיק שטרעבן צו גלײַכגעוויכט, זאָל דאָס אפילע דערגרייכט ווערן דורך דעם, וואָס יעדע וואַקלונג גלײַכן זיי אויס דורך א קעגן־וואַקלונג, יעדע העכע־רונג — דורך א פאלן און פארקערט. אויב אָנשטאָט צו באַטראַכטן די טאָג-טעגלעכע וואַקלונגען, וועט איר אויספאָרשן די באַוועגונג פון די מארק־פרײַזן אין מעשעכ פון א לאַנגן פעריִאָד, ווי דאָס האָט, אשטייגער, געטאָן ה' טוק (Tooke) אין זײַן „פרײַזן געשיכטע", וועט איר אײַנזען, אז די וואַקלונגען פון די מארק-פרײַזן, זייער אָפּ-ווײַכונג פון די ווערטן, זייער שטײַגן און פאלן פּאַראַליזירן און דער־גאַנצן איינע די אנדערע, אזוי, אז אויב מע זאָל ניט נעמען אין אכט די ווירקונג פון די מאָנאָפּאָליעס און אייניקע אנדערע באַגרע-נעצונגען, וועלכע איך קאָן דאָ ניט באַרירן, ווערן אַלערליי סכוירעס פארקויפט, אין דורכשניט, לויט זייערע אַנטשפּרעכיקע ווערטן אָדער לויט זייערע נאַטירלעכע פרײַזן. די דורכשניטלעכע צײַט־פעריִאָדן, אין וועלכע די וואַקלונגען פון די מארק-פרײַזן גלײַכן אויס איינע די אנדערע, זײַנען פארשיידן פאַר פארשיידענע מינים סכוירעס, ווײַל בא איין מין סכוירעס איז גרינגער צוצופּאַסן דעם נאָכפרעג צום אָנבאָט איידער בא אנדערע.

אַלזאָ, אויב באַטראַכטנדיק דעם איניען ברייטער און ארומנע־מענדיק א לענגערן פעריִאָד צײַט, אנערקענען מיר, אז אַלערליי אר־טיקלען ווערן פארקויפט לויט זייער אַנטשפּרעכיקן ווערט, וואָלט גע־ווען אַן אומזין צו מיינען, אז דער רעוועכ (ניט דער, וואָס באַקומט זיך אין איינצלנע פאלן, נאָר דער שטענדיקער און געוויינלעכער רע־וועכ, וואָס באַקומט זיך אין פארשיידענע אינדוסטריע-צווײַגן) שטאַמט פון די פרײַזן אף די סכוירעס, דה. פון דעם, וואָס די סכוירעס ווערן פארקויפט צו אזוינע פרײַזן, וועלכע שטײַגן היפּש אריבער זייע־

רע ווערטנ. די אומגעלומפערטקייט פונ אזא אָנשויונג ווערט נאָכ קלאָרער, ווענ מע פאראלגעמיינערט זי. אלצ, וואָס עמעצער וואָלט שטענדיק געווונענ אלס פארקויפער, וואָלט ער דאָכ שטענדיק פארלאָרנ אלס קויפער. דאָ וועט לאכלוטנ ניט העלפנ די טײַנע, אז עס זײַנענ פאראנ מענטשנ, וואָס זײַנענ שטענדיק נאָר קויפערס אונ ניט קיינ פארקויפערס, געברויכער אונ ניט קיינ פראָדוצירער. אלצ, וואָס די דאָזיקע לײַט צאָלנ אָפ די פראָדוצירער, וואָלטנ זיי פריִער באדארפט באקומענ פונ אימ אומזיסט. אויב עמעצער נעמט בא אײַכ פריִער געלט אונ נאָכדעמ קערט ער אײַכ אומ דאָס געלט, קויפנדיק בא אײַכ סכוירעס, וועט איר קיינ מאָל ניט רײַכ ווערנ דערפונ, וואָס איר וועט אימ פארקויפנ אײַערע סכוירעס טײַערער. אזא אויפנ פונ האנדלענ וואָלט געקאָנט פארקלענערנ דעמ אָנווער, אָבער ער וואָלט קיינמאָל ניט געבראכט צומ באקומענ רעווער.

הייסט עס, קעדיי צו דערקלערנ די אלגעמיינע נאטור פונעמ רעווער, מוזט איר ארויסגיינ פונ דער האנאָכע, אז די סכוירעס ווערנ אינ דורכשניט פארקויפט לויט זייער ווירקלעכנ ווערט אונ רעווער באקומט מענ גראָד פונ דעמ, וואָס די סכוירעס ווערנ פארקויפט לויט זייער ווערט, דה. לויט דעמ סכומ ארבעט, וואָס איז אינ זיי רעאליזירט געוואָרנ. אויב איר קאָנט ניט דערקלערנ דעמ רעווער בא אזא פאָרהאנאָכע, וועט איר אימ ביכלאל ניט קאָנענ דערקלערנ. דאָס זעט אויס פאראדאָקסאל אונ ווי אינ ווידערשפרוכ מיט דער טאָג־טעגלעכער אכטגעבונג. אָבער דאָס, וואָס די ערד דרייט זיכ ארומ דער זונ אונ וואָס וואסער באשטייט פונ צוויי זייער לײַכט־אופלאמענדיקע גאזנ, איז דאָכ אויכ א פאראדאָקס. וויסנשאפטלעכע עמעסנ זײַנענ אלעמאָל פאראדאָקסאל, ווענ מע אורטיילט וועגנ זיי לויט דער טאָג-טעגלעכער דערפארונג, וואָס כאפט אופ בלויז דעמ אָפנארנדיקנ שײַנ פונ די זאכנ.

VII. ארבעטקראפט

נאָכ דעמ, ווי מיר האָבנ אנאליזירט די נאטור פונעמ ווערט — פונעמ ווערט פונ יעדער סכוירע, — אפ וויפל דאָס איז מעגלעכ אינ א געלויפיקער באטראכטונג, — דארפנ מיר איצט ווענדנ אונדזער אופמערקזאמקייט אפנ ספעציפישנ ווערט פונ דער ארבעט. אונ דאָ מוז איכ אײַכ ווידער איבערראשנ מיט א פאראדאָקס.

איר זייַט אלע זיכער, אז דאָס, וואָס איר פארקויפט יעדנ טאָג, איז אייַער ארבעט, אז די ארבעט האָט, אלזאָ, א פרייַז אונ אזויווי דער פרייַז פונ א סכוירע איז בלויז דער געלט־אויסדרוק פונ איר ווערט, מוז דאָכ אוואדע עקזיסטירנ אזא זאכ, ווי דער ווערט פונ ארבעט. דאָכ עקזיסטירט ניט אזא מינ זאכ, ווי „ווערט פונ ארבעט“ אינעם געוויינלעכנ זינ פונ וואָרט. מיר האָבנ געזענ, אז דעם ווערט פונ א סכוירע בילדעט דער סכומ נייטיקע ארבעט, וואָס איז אינ איר קריסטאליזירט. איז אויב מיר וועלנ זיכ באניצנ מיט דעם דאָזיקנ באגריפ ווענג ווערט, ווי וועלנ מיר קאָנענ באשטימענ דעם ווערט, לאָמיר זאָגנ, פונ א 10־שאָ‍ִקנ ארבעטטאָג? וויפל ארבעט אנטהאלט דער דאָזיקער טאָג? 10 שאָ ארבעט. עס וואָלט געווענ א טאווטאלאָגישער אונ, נאָכמער, אנ אומזיניקער אויסדרוק צו זאָגנ, אז דער ווערט פונ א 10-שאָ‍ִקנ ארבעטטאָג איז 10 שאָ ארבעט אָדער, אז ער שטימט מיטנ סכומ ארבעט, וואָס זיי אנטהאלטנ. געווינ, ערשט נאָכ דעם, ווי מיר געפינענ דעם ריכטיקנ אָבער פארבאָרגענעמ זינ פונעמ אויסדרוק „ווערט פונ ארבעט“, וועלנ מיר קאָנענ אויסטייַטשנ די איראציאָנעלע אונ שייַנבאר אומעגלעכע אָנווענדונג פונ ווערט, פונקט ווי ערשט נאָכ דעם, ווי מיר האָבנ באנומענ די רעאלע באוועגונג פונ די הימל־קערפערס, האָבנ מיר באקומענ די מעגלעכקייַט צו דערקלערנ זייער שייַנבארע אָדער סטאמ וואָרגענומענע באוועגונג.

דער ארבעטער פארקויפט ניט דירעקט זייַנ ארבעט, נאָר זייַנ ארבעטקראפט, אונ זי גיט ער אָפ צייַטווייַליק אינ רעשוס פונ דעם קאפיטאליסט. עס איז א פאקט, אז,— איכ ווייס ניט ווי די ענגלישע, אָבער יעדנפאלס אייניקע קאָנטינענטאלע — געזעצנ שטעלנ פעסט א מאקסימומ צייַט, אפ וויפל א מענטש קאָנ פארקויפנ זייַנ ארבעטקראפט.

ווענ די ארבעטער זאָלנ קאָנענ פארקויפנ זייער ארבעטקראפט אפ אנ אומבאשטימטער צייַט, וואָלט טייקעפ אופגעשטעלט געוואָרנ די שקלאפערייַ. ווענ אזא פארקויפ, לעמאָשל, וואָלט ארומגענומענ דאָס גאנצע לעבנ פונ א מענטשנ, וואָלט ער גלייַכ געוואָרנ דעם ארבעטגעבערס לעבנסלאנגער שקלאפ.

טאָמאס האָבס, איינער פונ די עלטסטע עקאָנאָמיסטנ אונ אָריגינעלסטע פילאָסאָפנ פונ ענגלאנד, האָט נאָכ אינ זייַנ „ליוויאָסנ“

אינסטינקטיוו אָנגעוויזן אַף דעם דאָזיקן אומשטאַנד, וואָס אַלע זיינע נאָכפאָלגער האָבן אַף אים ניט געלייגט קיין אכט. ער זאָגט: „דער ווערט פון אַ מענטשן, ווי דער ווערט פון אַלע אַנדערע זאַכן, איז זיין פּרייז, דה. דאָס, וואָס מע גיט פאַרן באַניצן זיך מיט זיין קראַפט".

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער גרונט־האַנאַכע, באַקומען מיר די מעגלעכקייט צו באַשטימען דעם ווערט פון דער אַרבעט פּונקט אַזוי, ווי דעם ווערט פון אַלע אַנדערע סכוירעס.

אָבער איידער מיר טוען דאָס, דאַרפן מיר פרעגן: פונוואַנען נעמט זיך די מאָדנע דערשיינונג, וואָס אַפן מאַרק געפינען מיר אַ ריי קויפערס, וועלכע באַזיצן ערד, מאַשינעס, רוי־מאַטעריאַל און מיטלען צום לעבן, דה. אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס — אַכוץ ערד אין איר אומקולטיווירטן צושטאַנד, — זיינען זיי פּראָדוקטן פון אַרבעט, און פון דער אַנדער זייט — אַ ריי פאַרקויפערס, וואָס האָבן גאָר־נישט צו פאַרקויפן אַכוץ זייער אַרבעטקראַפט, אַכוץ האָרעפּאַשנע הענט און מאַרך? ווי קומט עס, וואָס איינע קויפן שטענדיק, קעדיי צו באַקומען רעוועך און רייך ווערן, און די אַנדערע פאַרקויפן שטענ־דיק, נאָר קעדיי צו פאַרדינען אַף כעיונע? באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע וואָלט געהייסן אויספאָרשן „די ערשטע אָדער די אָנפאַנגלעכע אַקומולירונג", — ווי די עקאָנאָמיסטן רופן דאָס, אָדער ווי מע וואָלט זי באַדאַרפט אָנרופן מיט רעכט „די אָנפאַנגלעכע עקספּראָפּריִרונג". דעמלט וואָלטן מיר איינגעזען, אַז די דאָזיקע אַזוי־גערופענע „אָנפאַנגלעכע אַקומולירונג" באַטייט ניט מער, ווי אַ ריי היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס זייער רעזולטאַט איז געווען די פאַרניכטונג פון דער פאַרבינ־דונג, וועלכע האָט לעכאַטכילע עקזיסטירט צווישן די אַרבעטנדיקע און זייערע אַרבעט־מיטלען. אָבער אַזאַ אויספאָרשונג גייט אַרויס פון די ראַמען פון מיין איצטיקער טעמע. נאָך דעם, ווי דער אַרבעטער איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון זיינע אַרבעט־מיטלען, מוז עס ווייטער בלייבן און קעסיידער ווידער באַנייען זיך אין אַלץ שטייגנדיקן מאַסשטאַב, ביז וואַנען אַ נייע און ראַדיקאַלע רעוואָליוציע אינעם פּראָדוציר־אופן וועט עס פאַרניכטן און צוריק אופשטעלן די פריִער־דיקע פאַרבינדונג אין אַ היסטאָריש נייער פאָרם.

וואָס זשע איז, אַלזאָ, דער ווערט פון דער אַרבעטקראַפט? איר ווערט, ווי דער ווערט פון יעדער אַנדערער סכוירע, באַשטימט

דער סכומ אַרבעט, װאָס איז נייטיק אָפּ צו שאַפנ זי. די אַרבעט-
קראַפט פונ אַ מענטשנ עקזיסטירט נאָר אינ זײַנ לעבעדיקער פּער-
זענלעכקײַט. אַ מענטש מוז פאַרברויכנ אַ געװיסנ סכומ לעבנ־מיט־
לענ, קעדיי ער זאָל קאָנענ װאַקסנ און אונטערהאַלטנ זײַנ לעבנ.
אָבער אַ מענטש װערט אָפּגענוצט פּונקט װי אַ מאַשינ, און דעמלט
מוז מענ אימ פאַרבײַטנ מיט אַנ אַנדער מענטשנ. אַכוץ אַ געװיסנ
סכומ לעבנ־מיטלענ, װאָס זײַנענ נייטיק פאַר אימ פּערזענלעכ,
דאַרפ ער אויכ האָבנ מיטלענ צו דערציִענ אַ באַשטימטע צאָל קינ־
דער, װאָס זאָלנ אימ פאַרבײַטנ אָפנ אַרבעט־מאַרק און פאַרייביקנ
דעמ אַרבעטער-מינ. קעדיי צו אַנטװיקלענ זײַנ אַרבעטקראַפט און
באַקומענ אַ געװיסע געניטקײַט, דאַרפ ער פאַרטאָנ נאָכ אַ געװיסנ
סכומ װערטנ. פאַר אונדזער צװעק איז גענוג צו באַטראַכטנ די דורכ־
שניטלעכע אַרבעט, װאָס די קאָסטנ אָפּ אויסבילדנ זי און אָפ דער־
ציִענ זי זײַנענ ביז גאָר נישטיק. דאָכ מוז איכ אויסניצנ די גע-
לעגנהײַט, קעדיי פעסטצושטעלנ, אַז פּונקט װי די פּראָדוציר-קאָסטנ
אָפּ שאַפנ אַרבעטקרעפטנ פונ פאַרשיידענע מינימ זײַנענ ניט אַלצײַנע,
אַזוי מוזנ זיכ אויכ אונטערשיידנ איינע פונ די אַנדערע די װערטנ
פונ די אַרבעטקרעפטנ, װאָס װערנ אָנגעװענדט אינ פאַרשיידענע
אינדוסטריע-צװײַגנ. דעריבער איז דער לאָזונג אויסצוגלײַכנ די
אַרבעטלוינענ געבויט אָפּ אַ טעות, אָפּ אַ װונטש, װאָס האָט ניט
קיינ זינ און לאָזט זיכ קיינמאָל ניט פאַרװירקלעכנ. דאָס איז אַ פּראָ־
דוקט פונ דעמ פאַלשנ און איבערפלעכלעכנ ראַדיקאַליזמ, װאָס נעמט
אָנ געװיסע האַנאָכעס און װיל זיכ אַרויסדרייענ פונ די אויספירנ.
דער װערט פונ דער אַרבעטקראַפט, װי דער װערט פונ יעדער אַנ-
דערער סכוירע, װערט רעגולירט אָפּ באָדנ פונ דער לוינ־סיסטעמ,
און װיבאַלד פאַרשיידענע מינימ אַרבעטקראַפט האָבנ פאַרשיידענע
װערטנ און צו שאַפנ זיי פאָדערט זיכ אַ פאַרשיידענער סכומ אַר־
בעט, האָבנ זיי אויכ אָפּ אַרבעט-מאַרק פאַרשיידענע פרײַזנ. פאָ־
דערנ אַ גלײַכע אָדער אַפילע נאָר אַ גערעכטיקע באַלוינונג, גלײַבנ־
דיק בײַ דער סיסטעמ פונ לוינ־אַרבעט, איז אַלצײַנס װי פאָדערנ
פרײַהײַט בײַ דער עקזיסטענצ פונ שקלאַפערײַ. דאָס, װאָס איר האַלט
פאַר גערעכטיק אָדער אָביעקטיװ (eqnitable), קאָנ דאָ ניט גענומענ
װערנ אינ באַטראַכט. די פראַגע איז: װאָס איז בײַ דער געגעבענער
פּראָדוציר-סיסטעמ נייטיק און אומפאַרמײַדלעכ?

נאָך דעם אלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז קלאָר, אז דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט באשטימט דער ווערט פון די לעבנ־מיטלען, וואָס זיינען נייטיק, קעדיי די ארבעטקראפט צו פראָדוצירן, אנטוויקלען, אופהאלטן און פארייביקן.

VIII. די פראָדוצירונג פון מערווערט

לאָמיר איצט אָננעמען, אז אפ צו פראָדוצירן דעם דורכשניטלעכן סכום טאָג-טעגלעכע לעבנ־מיטלען פאר איינ ארבעטער פאָדערט זיך 6 שאָ דורכשניטלעכע ארבעט. לאָמיר ווייטער אָננעמען, אז 6 דורכשניטלעכע ארבעט-שאָ איז רעאליזירט אינ א סומע גאָלד, וואָס באטרעפט 3 שילינג. אינ אזא פאל זיינען 3 שילינג די פרייז אָדער דער געלט-אויסדרוק פונעם טעגלעכן ווערט פון דעם דאָזיקן מענטשנס ארבעטקראפט. ווען ער זאָל ארבעטן יעדן טאָג 6 שאָ, וואָלט ער יעדן טאָג פראָדוצירט א ווערט, וואָס וואָלט געקלעקט אפ איינקויפן דעם דורכשניטלעכן סכום נייטיקע לעבנ-מיטלען פארן טאָג אָדער אופצוהאלטן זיך אלס אנ ארבעטער.

אָבער אָט דער מענטש אונדזערער איז א לוינ-ארבעטער. דעריבער מוז ער פארקויפן זיין ארבעטקראפט דעם קאפיטאליסט. ווען ער פארקויפט זי פאר 3 שילינג א טאָג אָדער פאר 18 שילינג א וואָך, פארקויפט ער זי פאר איר ווערט. לאָמיר אָננעמען, אז ער איז א שפינער. אויב ער ארבעט יעדן טאָג 6 שאָ, גיט ער צו טאָג־טעגלעך צו די באוול, וואָס ער באארבעט, א ווערט פון 3 שילינג. אָט דער ווערט, וואָס ער גיט צו טאָג־טעגלעך, וואָלט געווען א פינקטלעכער עקוויוואלענט פון זיין ארבעטלוין אָדער פונעם פרייז, וואָס ער וואָלט יעדן טאָג באקומען פאר זיין ארבעטקראפט. אָבער אינ אזא פאל וואָלט דער קאפיטאליסט ניט באקומען קיין שום מער־ווערט אָדער מער־פראָדוקט. אָט דאָ שטויסן מיר זיך אָן אפ א שוועריקייט.

דערמיט, וואָס ער האָט געקויפט דעם ארבעטערס ארבעטקראפט און אָפגעצאָלט פאר איר ווערט, האָט דער קאפיטאליסט ווי יעדער אנדערער קויפער באקומען דאָס רעכט צו פארברויכן אָדער אויסניצן די געקויפטע סכוירע. א מענטשנס ארבעטקראפט געברויכט מען אָדער מע פארניצט זי, ווען מע צווינגט דעם מענטשן צו ארבעטן, פונקט

אזוי, ווי א מאשין געברויכט מען אָדער מע באניצט זי, ווען מע לאָזט זי אין גאנג. דערמיט, וואָס דער קאפּיטאליסט האָט געקויפט דעם טאָג־ווערט אָדער דעם וואָכן־ווערט פון דעם ארבעטערס ארבעט־קראפט, האָט ער באקומען דאָס רעכט צו באניצן זיך מיט דער דאָזיקער ארבעטקראפט אָדער צווינגען זי ארבעטן אין משך פון א גאנצן טאָג אָדער א גאנצע וואָך. נאטירלעך, דער ארבעטטאָג און די ארבעטוואָך האָבן געוויסע גרענעצן, אָבער דאָס וועלן מיר גענויער באטראכטן שפּעטער.

איצט דארף איך אייך אויפמערקזאם מאכן אויף איין אנטשיידנ־דיקן מאָמענט.

דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט באשטימט דער סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אויף צו אונטערהאלטן זי און רעפּראָדוצירן זי. אָבער די גרענעץ פאר דעם געברויך פון דער דאָזיקער ארבעט־קראפט איז נאָר דעם ארבעטערס לעבן־ענערגיע און זיין פיזישע קראפט. דער טעגלעכער אָדער וועכנטלעכער ווערט פון דער ארבעט־קראפט איז קיין מאָל ניט דאָס זעלבע, וואָס די טעגלעכע אָדער די וועכנטלעכע ארבעט פון דער דאָזיקער קראפט, פּונקט ווי דער פוראזש, וואָס א פערד עסט אויף, איז גאָר ניט דאָס, וואָס די צייט, וועלכע מע קאָן אויף אים רייטן. דער סכום ארבעט, וואָס באשטימט דעם ווערט פון דעם ארבעטערס ארבעטקראפט, באגרענעצט נאָך לאָכ־לוטן ניט קיין גרענעץ פאר דעם סכום ארבעט, וואָס זיין ארבעטקראפט קאָן אָפּטאָן. לאָמיר נעמען אונדזער שפּינער. מיר האָבן געזען, אז צום באנייען טאָג־טעגלעך זיין ארבעט־קראפט דארף ער יעדן טאָג שאפן א ווערט פון 3 שילינג, און דאָס דער־גרייכט ער, ווען ער ארבעט אויף יעדן טאָג 6 שאָ. אָבער דאָס נעמט בא אים ניט אָפּ די מעגלעכקייט צו ארבעטן יעדן טאָג 10 — 12 שאָ אָדער נאָך מער. דער קאפּיטאליסט, וואָס האָט באצאָלט פאר דעם טעגלעכן אָדער דעם וועכנטלעכן ווערט פון דעם ארבעטערס ארבעטקראפט, האָט דערמיט באקומען דאָס רעכט צו באניצן זיך מיט דער דאָזיקער ארבעטקראפט אין משך פון א גאנצן טאָג אָדער פון א גאנצער וואָך. דערפאר וועט ער אים צווינגען צו אר־בעטן יעדן טאָג, לאָמיר זאָגן, 12 שאָ. אויסער די 6 שאָ, וואָס זיינען נייטיק אויף צו דעקן דעם שפּינערס לוין אָדער דעם ווערט פון זיין ארבעטקראפט, וועט ער מוזן ארבעטן נאָך 6 שאָ, וועלכע

איכ וועל אָנרופנ שאָענ פונ **מערארבעט**. אונ די דאָזיקע מער-ארבעט וועט רעאליזירט ווערנ אינ א **מערווערט** אונ אינ א **מערפּראָדוקט**. אויב אונדזער שפּינער, אשטייגער, פלעגט מיט זיינ טאָג־טעגלעכער 6-שאָיִקער ארבעט צוגעבנ צו די באוול א ווערט פונ 3 שילינג, — דאָס מאכט אויס אקוראט דעמ עקוויוואלענט פונ זיינ ארבעטלוינ, — איז אינ מעשעכ פונ 12 שאָ וועט ער צוגעבנ צו די באוול א ווערט פונ 6 שילינג אונ וועט אויסארבעטנ אנ אנטשפּרעכיק גרעסערנ סכומ גארנ. וויבאלד ער האָט אָבער פארקויפט זיינ ארבעטקראפט דעמ קאפּיטאליסט, געהערט דער גאנצער פּראָדוקט, וואָס ער האָט געשאפנ, אָדער זיינ ווערט, דעמ קאפּיטאליסט, אלס דעמ צייטווייליקנ אייגנטימער פונ זיינ ארבעטקראפט. אלזאָ, דערמיט, וואָס ער האָט פאָרויס איינגעצאָלט א ווערט פונ 3 שילינג, באקומט דער קאפּיטאליסט א ווערט פונ 6 שילינג, ווייל, האָבנדיק איינגעצאָלט פאָרויס א ווערט, אינ וועלכנ עס איז קריסטאליזירט 6 שאָ ארבעט, באקומט ער אָנשטאָט דעמ א ווערט, אינ וועלכנ ס'איז קריסטאליזירט 12 שאָ ארבעט. איבערכאזערנדיק דעמ דאָזיקנ פּראָצעס יעדנ טאָג, וועט דער קאפּיטאליסט יעדנ טאָג אויסלייגנ 3 שילינג אונ אריינלייגנ צו זיכ אינ קעשענע 6 שילינג, — א העלפט דערפונ וועט גיינ אפ אויסצאָלנ פונדאָסנייע דעמ ארבעטלוינ, אונ די צווייטע העלפט בילדעט דעמ מערווערט, פאר וועלכנ דער קאפּיטאליסט צאָלט ניט איינ קיינ שומ עקוויוואלענט. אָט אפ דעמ דאָזיקנ אויפנ פונ אויסטויש צווישנ קאפּיטאל אונ ארבעט איז געגרינדעט די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע אָדער די סיסטעמ פונ לוינ-ארבעט, אונ ער מוז שטענדיק שאפנ פונדאָסנייע קאפּיטאליסטנ אלס קאפּיטאליסטנ אונ ארבעטער אלס ארבעטער.

די נאָרמע פונעמ מערווערט הענגט אָפּ — בא אלע איבעריקע גלייכע באדינגונגענ — פונ דער פארהעלטעניש צווישנ דעמ טייל ארבעטסטאָג, וואָס איז נייטיק אפ צו רעפּראָדוצירנ דעמ ווערט פונ דער ארבעטקראפט, אונ דער איבעריקער צייט אָדער דער מערארבעט, וואָס גייט לעטויוועס דעמ קאפּיטאליסט. ער הענגט, אלזאָ, אָפּ פונ דער פּראָפּאָרצ, אינ וועלכער דער ארבעטסטאָג ווערט פארלענגערט אויסער דעמ מעשעכ צייט, ווענ דער ארבעטער רעפּראָדוצירט מיט זיינ ארבעט דעמ ווערט פונ זיינ ארבעטקראפט אָדער ער קאָמפּענסירט זיינ ארבעטלוינ.

IX. דער ווערט פונ דער ארבעט

לאָמיר זיכ איצט אומקערנ צומ אויסדרוק: „דער ווערט אָדער דער פרײַז פונ דער ארבעט”.

מיר האָבנ געזענ, אז דער דאָזיקער ווערט איז פאקטיש נאָר דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט, וואָס ווערט געמאָסטנ מיט די ווערטנ פונ די סכוירעס, וועלכע זײַנענ נייטיק אפ אויפצוהאלטנ די ארבעטקראפט. נאָר אזויווי דער ארבעטער באקומט זײַנ ארבעטלוינ ערשט נאָכ דעמ, ווי ער האָט שוינ אָפגעטאָנ זײַנ ארבעט, אונ אזויווי ער ווייס, אז דאָס, וואָס ער גיט אינ דער ווירקלעכקײַט אָפ דעמ קאפיטאליסט, איז זײַנ ארבעט, מוז בא אימ אויסקומענ, אז דער ווערט אָדער דער פרײַז פונ דער ארבעטקראפט איז דער פרײַז אָדער דער ווערט פונ דער ארבעט גופע. אויב דער פרײַז פונ זײַנ ארבעטקראפט באטרעפט 3 שילינג, וואָס אינ זיי זײַנענ רעאליזירט 6 שאָ ארבעט, אונ ער ארבעט 12 שאָ, וועט ער אומפארמײַדלעכ אײַנזענ אינ די דאָזיקע 3 שילינג דעמ ווערט אָדער דעמ פרײַז פונ 12 שאָ ארבעט, כאָטש אינדערעמעסנ זײַנענ די דאָזיקע 12 שאָ ארבעט רעאליזירט אינ א ווערט פונ 6 שילינג. פונדאנענ דרינגט ארויס א טאָפלטער אויספיר.

ערשטנס: דער ווערט אָדער דער פרײַז פונ דער ארבעטקראפט באקומט דעמ אויסזענ פונ דעמ פרײַז אָדער פונ דעמ ווערט פונ דער ארבעט גופע, כאָטש, שטרענג גערעדט, האָבנ די אויסדרוקנ „ווערט אונ פרײַז פונ דער ארבעט” קיינ זינ ניט.

צווייטנס: כאָטש באצאָלט ווערט נאָר א טייל פונ דעמ ארבעטערס טאָג־טעגלעכער ארבעט אונ דער צווייטער טייל בלײַבט גאָר ניט באצאָלט, אונ גראָד די ניט באצאָלטע ארבעט אָדער די מער־ארבעט בילדעט דעמ פאָנד, פונ וועלכנ עס שטאמט דער מערווערט אָדער דער רעוועכ, דאכט זיכ פונדעסטוועגנ אויס, אז די גאנצע ארבעט איז באלוינט געוואָרנ.

אָט דער פאלשער אויסזענ אונטערשיידט די לוינ־ארבעט פונ אנדערע היסטאָרישע ארבעט־פאָרמענ. בא דער סיסטעמ פונ ארבעטלוינ זעט אויס אפילע די ניט באצאָלטע ארבעט ווי א באצאָלטע. פארקערט, בא דער שקלאפערײַ זעט אויס אפילע דער באצאָלטער טייל ארבעט ווי א ניט באצאָלטער. נאטירלעכ, קעדיי ער זאָל קאָנענ

ארבעטנ, מוז דער שקלאפ לעבנ, אונ א טייל פונ זײַנ ארבעטסטאָג גייט אפ קאָמפענסירנ דעמ ווערט פונ אויסהאלטנ אימ אליינ. נאָר אזויווי צווישנ אימ אונ זײַנ באלעבאָס איז ניט געשלאָסנ געוואָרנ קיינ שומ אָפמאכ, אזויווי צווישנ די ביידע צדאָדימ איז ניט פאָרגעקומענ קיינ קויפ אונ קיינ פארקויפ, זעט עס אויס, ווי זײַנ גאנצע ארבעט וואָלט געווענ אנ אומזיסטע.

נעמט פונ דער אנדערער זײַט א פויער — א לײַבקנעכט, ווי ער האָט נאָכ נעכטנ, קאָנ מענ זאָגנ, עקזיסטירט אינ גאנצ מיזרעכ-אייראָפע. אָט דער פויער פלעגט ארבעטנ, לאָמיר זאָגנ, 3 טעג פאר זיכ אפ זײַנ אייגענעמ אָדער אפ א צוגעטיילטנ שטיקל פעלד, אונ די איבעריקע 3 טעג פלעגט ער טאָנ געצוווּנגענע אונ ניט-באצאָלטע ארבעט בא זײַנ פאָרעצ אינ גוט. אלזאָ, דאָ זײַנענ דײַטלעכ פאנאנדערגעטיילט דער באצאָלטער אונ דער ניט באצאָלטער טייל ארבעט, פאנאנדערגעטיילט אינ צײַט אונ אינ אָרט, אונ אונדזערע ליבעראלנ פלעגנ זיכ פארגיינ אינ מאָראלישנ צאָרנ פונ דעמ נארישנ אײַנפאל צו צווינגענ א מענטשנ ארבעטנ פאר גאָרנישט.

אינ טאָכ אָבער איז עס גאָר קיינ נאפקעמינע ניט, צי א מענטש ארבעט 3 טעג אינ וואָכ פאר זיכ אפ זײַנ אייגענעמ פעלד אונ נאָכדעמ 3 טעג אומזיסט באמ פאָרעצ אינ גוט, אָדער ער ארבעט אינ פאבריק אָדער אינ ווארשטאט 6 שאָ פאר זיכ אונ 6 שאָ פאר זײַנ אונטערנעמער, כאָטש אינ לעצטנ פאל זײַנענ דער באצאָלטער אונ דער ניט-באצאָלטער טייל ארבעט פארייניקט אינײנעמ אונ לאָזנ זיכ ניט צעשיידנ, אונ דער טאָכ פונ דעמ גאנצנ אייסעק איז דאָ פולשטענדיק פארמאסקירט דורכ אנ אָפמאכ אונ דורכ דעמ, וואָס סאָפ וואָכ באקומט מענ ארבעטלוינ. די ניט-באצאָלטע ארבעט זעט אויס אינ איינ פאל, ווי פרײַוויליק אָפגעגעבנ, אונ אינ צווייטנ פאל — ווי ארויסגעצווּנגענע. דאָס איז דער גאנצער אונטערשייד.

אויב איכ וועל ווײַטער באניצנ דעמ אויסדרוק „דער ווערט פונ דער ארבעט“, איז עס נאָר אלס א פאָפולערנ אויסדרוק, אָנשטאָט צו זאָגנ „דער ווערט פונ דער ארבעטקראפט“.

X. ווי אזוי ווערט ארויסבאקומען רעווער, ווען די סכוירע ווערט פארקויפט לויט איר ווערט

לאָמיר אָננעמען, אז א שאָ דורכשניטלעכע ארבעט ווערט פאר־קערפּערט אין א ווערט פון 6 פּענס אָדער אז 12 שאָ דורכשניט־לעכע ארבעט ווערן פארקערפּערט אין א ווערט פון 6 שילינג. לאָמיר אָננעמען ווייטער, אז דער ווערט פון דער ארבעט באטרעפט 3 שילינג אָדער אזויפיל, וויפל דער פּראָדוקט פון 6 שאָ ארבעט. אויב אינעם רוי־מאטעריאל, וואָס איז פארברויכט געוואָרן צום פּראָדוצירן א געוויסע סכוירע, אין די אויסגענוצטע טיילן מאשינעס אאוו. איז געווען פארקערפערט 24 שאָ דורכשניטלעכע ארבעט, וואָלט דער ווערט פון דעם אלעם באטראָפן 12 שילינג. ווען דער ארבעטער, וועמען דער קאפּיטאליסט האָט געדונגען, וועט אכוץ דעם צוגעבן צו די דאָזיקע פּראָדוציר־מיטלען 12 שאָ ארבעט, וועלן די דאָזיקע 12 שאָ פאָרשטעלן א ווערט נאָך פון 6 שילינג. הייסט עס, אז דער אלגע־מיינער ווערט פונעם פּראָדוקט וואָלט דערגאנגען ביז 36 שאָ פאר־קערפּערטע ארבעט און וואָלט באטראָפן 18 שילינג. נאָר אזוי ווי דער ווערט פון דער ארבעט אָדער דער ארבעטלוין, וואָס איז אָפּגעצאָלט געוואָרן דעם ארבעטער, באטרעפט נאָר 3 שילינג, צאָלט דער קאפּי־טאליסט ניט קיין שום עקוויוואלענט פאר די 6 שאָ מערארבעט, וואָס דער ארבעטער האָט אָפּגעטאָן און וואָס זיינען פארקערפערט געוואָרן אינעם ווערט פון דער סכוירע. ווען דער קאפּיטאליסט פארקויפט די דאָזיקע סכוירע לויט איר ווערט, פאר 18 שילינג, רעאליזירט ער אזויארום אויך דעם ווערט פון די 3 שילינג, פאר וועלכע ער האָט קיין שום עקוויוואלענט ניט געצאָלט. אָט די 3 שילינג בילדן דעם מערווערט אָדער דעם רעווער, וואָס ער לייגט אריין צו זיך אין קעשענע. אלזאָ, דער קאפּיטאליסט באקומט רעווער 3 שילינג ניט דורך דעם, וואָס ער פארקויפט זיין סכוירע העכער פאר זייער ווערט, נאָר דורך דעם, וואָס ער פארקויפט זי טאקע לויט זייער וויר־קלעכן ווערט.

דעם ווערט פון א סכוירע באשטימט דער גאנצער סכום אר־בעט, וואָס אנטהאלט זיך אין איר. אָבער איין טייל פון דעם דאָזיקן סכום ארבעט איז אזא ווערט, פאר וועלכן עס איז איינגעצאָלט גע־וואָרן אן עקוויוואלענט אין דער פאָרם פון ארבעטלוין; דער צווייטער

טייל איז דער ווערט, פאר וועלכנ עס איז קיינ שום עקוויוואלענט ניט געצאָלט געוואָרנ. איינ טייל ארבעט, וואָס די סכוירע אנטהאלט, איז באצאָלטע ארבעט און דער צווייטער איז ניט באצאָלטע. און ווענ דער קאפיטאליסט פארקויפט א סכוירע לויט איר ווערט, דה. אלס קריסטאליזירונג פונעם גאנצנ סכומ ארבעט, וואָס איז פארטאָנ געוואָרנ אפ איר, מוז ער זי אומבאדינגט פארקויפנ מיט רעווע. ער פארקויפט דאָכ ניט בלויז דאָס, פאר וואָס ער האָט אליינ אָפּגעצאָלט אנ עקוויוואלענט, נאָר אויכ דאָס, וואָס עס האָט אימ גאָרניש געקאָסט, כאָטש זיינ ארבעטער האָט דאָס געקאָסט ארבעט. דאָס, וואָס די סכוירע קאָסט דעמ קאפיטאליסט, און אירעווירקלעכע קאָסטנ, זיינענ צוויי גאָר פארשיידענע זאכנ. דערפאר כאזער איכ איבער, אז דער נאָרמאלער און דער דורכשניטלעכער רעווע באקומט זיכ ניט, ווענ די סכוירעס ווערנ פארקויפט העכער פאר זייער ווערט, נאָר ווענ זיי ווערנ פארקויפט טאקע לויט זייער ווירקלעכנ ווערט.

XI. די פארשיידענע טיילנ, אפ וועלכע עס צעפאלט זיכ דער מערווערט

דעמ *מערווערט*, אָדער יענעמ טייל פונעמ גאנצנ ווערט פונ דער סכוירע, אינ וועלכנ עס איז פארקערפּערט די מערארבעט אָדער דעמ ארבעטערס ניט-באצאָלטע ארבעט, רופ איכ אָנ *רעוועכ*. אָבער ניט דער גאנצער רעוועכ פאלט ארייַנ אינ קעשענע צומ קאפיטאליסט דעמ אונטערנעמער. די ערד־מאָנאָפּאָליע גיט דעמ ערדבאזיצער די מעגלעכקייַט צוצונעמענ פאר זיכ דעמ טייל מערווערט, וואָס טראָגט דעמ נאָמענ „ערד־רענטע“ — אלציינס, צי די ערד ווערט באניצט פאר ערדארבעט, פאר געבייַדעס, פאר אייַזנבאנענ אָדער פאר וועלכע-עס־איז אנדערע פּראָדוקטיווע צוועקנ. פונ דער אנדערער זייַט ווידער, איז גראָד דער פאקט, וואָס דאָס באזיצנ ארבעט-מיטלענ גיט דעמ קאפּיטאליסט — דעמ אונטערנעמער די מעגלעכקייַט צו פּראָדוצירנ מער־ווערט אָדער — וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע — צוצונעמענ פאר זיכ א געוויסנ סכומ ניט־באצאָלטע ארבעט, דאָס גיט דעמ באַ-זיצער פונ די ארבעט-מיטלענ, וועלכער לייַט זיי אויס דעמ קאפּי-טאליסט דעמ אונטערנעמער — אינגאנצנ אָדער טיילווייַז — מיט איינ וואָרט, דעמ געלט-קאפּיטאליסט אויכ די מעגלעכקייַט צוצונעמענ פאר

זיכ א געוויסנ טייל מערווערט, וואָס טראָגט דעמ נאָמענ „פּראָצענט“ אזוי, אז דעמ קאפּיטאליסט דעמ אונטערנעמער, אלס אזעלכנ, בלייבט איבער נאָר דאָס, וואָס מע רופט אָנ אינדוסטריעלער אָדער קאָמערציעלער רעוועכ.

וועלכע געזעצנ רעגולירנ די פּארטיילונג פונ דער גאנצער סומע מערווערט צווישנ די דאָזיקע 3 קאטעגאָריעס מענטשנ, — דאָס איז א פראגע, וואָס האָט קיינ שומ שייכעס ניט צו אונדזער טעמע. אָבער פונ דעמ, וואָס מיר האָבנ אויבנ דערקלערט, דרינגט ארויס:

ערד-רענטע, פּראָצענט אונ קאָמערציעלער רעוועכ זיינענ מערניט ווי פארשיידענע נעמענ פאר פארשיידענע טיילנ מערווערט פונ דער סכוירע אָדער פונ דער ניטבאצאָלטער ארבעט, וואָס אנטהאלט זיכ אינ איר: אלע שטאמענ זיי פונ דעמ איינעמ קוואל, אונ נאָר פונ אימ אליינ. זיי שטאמענ ניט פונ דער ערד אלס אזא אונ ניט פונעמ קאפּיטאל אלס אזעלכנ, נאָר די ערד אונ דער קאפּיטאל גיבנ זייערע באזיצערס די מעגלעכקייט צו באקומענ בא דעמ קאפּיטאליסט דעמ אונטערנעמער אנטשפּרעכיקע טיילנ מערווערט, וואָס ער האָט ארויסגעפּרעסט פונעמ ארבעטער. פארנ ארבעטער גופע איז גאָר ניט אזוי וויכטיק, צי דער קאפּיטאליסט דער אונטערנעמער לייגט ארייננ צו זיכ אינ קעשענע דעמ גאנצנ מערווערט, דעמ גאנצנ פּראָדוקט פונ דער מערארבעט אָדער פונ דער ניטבאצאָלטער ארבעט, צי ער איז געצוווּנגענ אָפּצוגעבנ א געוויסנ טייל מערווערט — אונטערנ נאָמענ „ערד-רענטע“ אונ „פּראָצענט“ — א דריטנ צאד. ווענ דער קאפּיטאליסט דער אונטערנעמער זאָל זיכ באניצנ נאָר מיט אייגענעמ קאפּיטאל אונ זאָל אליינ זיינ דער אייגנטימער פונ דער ערד, וואָלט דער מערווערט געגאנגענ אינגאנצנ אינ זיינ קעשענע.

פונ דעמ ארבעטער פּרעסט ארויס דעמ מערווערט אומיטלבאר דער קאפּיטאליסט דער אונטערנעמער. דערביי איז גאָר קיינ נאפקעמינע ניט, וואָס פאר א טייל דערפונ ער קאָנ סאָפקאָלסאָפ לאָזנ פאר זיכ. אפ דער דאָזיקער קעגנזייטיקער באציונג צווישנ דעמ קאפּיטאליסט דעמ אונטערנעמער אונ דעמ לוינ-ארבעטער הענגט די גאנצע סיסטעמ פונ ארבעטלוינ אָדער די גאנצע איצטיקע פּראָדוציר-סיסטעמ. אייניקע בירגער, וואָס האָבנ זיכ באטייליקט אינ אונדזער דיסקוסיע, האָבנ געפּרוּווט מאכנ דעמ גאנצנ איניענ צו קליינגעלט אונ באטראכטנ די דאָזיקע גרונט-באציונגענ צווישנ דעמ קאפּיטאליסט דעמ אונטערנעמער

און דעם ארבעטער, ווי א צווייטראנגיקע פראגע. זיי האָבן געהאט א גרויסן טאָעס, כאָטש זיי זײַנען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן באהויפּט, אז בא די געגעבענע אומשטענדן רירט אָן די פרײַזן־העכערונג גאנץ פארשיידן דעם קאפּיטאליסט דעם אונטערנעמער, דעם ערד־באזיצער, דעם געלט־קאפּיטאַליסט און, אויב איר ווילט, דעם שטײַערן־זאמלער.

פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, דרינגט נאָך ארויס א צווייטער אויספיר.

דער טייל ווערט פון דער סכוירע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ווערט פון דעם רוי־מאטעריאל און פון די מאשינעס, מיט איין וואָרט, דעם ווערט פון די פארברויכטע פּראָדוציר־מיטלען — אָט דער טייל גיט קיין שום האכנאָסע ניט: ער שטעלט נאָר אום צוריק דעם קאפּיטאל. נאָר ווען מע זאָל דאָס אפילע לאָזן אָן א זײַט, וואָלט געווען פאלש צו מיינען, אז דער צווייטער טייל פונעם ווערט פון דער סכוירע, וואָס גיט די האכנאָסע אָדער קאָן אויסגעגעבן ווערן אלס ארבעטלוין, רעווער, רענטע, פּראָצענט, בילדעט זיך פונעם ווערט פונעם ארבעטלוין, פונעם ווערט פון דער רענטע, פונעם ווערט פונעם רעווער אאוו. לאָמיר דערווײַל לאָזן אָן א זײַט דעם ארבעטלוין און באטראכטן נאָר דעם קאָמערציעלן רעווער, דעם פּראָצענט און די רענטע. מיר האָבן נאָר וואָס געזען, אז דער מערווערט, וואָס איז פאראן אין דער סכוירע אָדער דער טייל פון איר ווערט, אין וועלכן עס איז פארקערפּערט די ניטבאצאָלטע ארבעט, צעפאַלט זיך אפ פארשיידענע טיילן, וואָס טראָגן 3 פארשיידענע נעמען. עס וואָלט אָבער געווען דורכויס דער הייפּעך פונעם עמעס צו זאָגן, אז איר ווערט שטעלט זיך צונויף אָדער ווערט געבילדעט דורך צונויפרעכענען די אומאָפּהענגיקע ווערטן פון די דאָזיקע דרײַ באשטאנד־טיילן.

ווען איין שאָ ארבעט ווערט פארקערפּערט אין א ווערט פון 6 פּענס, ווען דעם ארבעטערס ארבעטטאָג באטרעפט 12 שאָ און א העלפט פון דער דאָזיקער צײַט איז ניט קיין באצאָלטע ארבעט, גיט צו די דאָזיקע מערארבעט דער סכוירע א מערווערט פון 3 שילינג, ד. ה. א ווערט, וואָס פאר אים איז ניט באצאָלט געוואָרן קיין שום עקוויוואלענט. אָט דער מערווערט פון 3 שילינג בילדעט דעם גאנצן פאָנד, וועלכן דער קאפּיטאליסט דער אונטערנעמער קאָן טיילן מיטן געלט־אויסבאָרגער און מיטן ערדבאזיצער אין וואָסער־עס־איז

פראָפאָרצ. דער ווערט פונ די דאָזיקע 3 שילינג בילדעט עס דעמ גרענעצ פונעמ ווערט, וואָס זיי קאָנענ טיילנ צווישנ זיכ. אָבער ניט דער קאפיטאליסט דער אונטערנעמער גיט צו צומ ווערט פונ דער סבוירע א ווילקירלעכנ ווערט פונ זיינ רעוועכ, צו וועלכנ עס קומט נאָכדעמ צו דער טייל ווערט, וואָס גייט פארנ ערדבאזיצער אאוו., אזוי, אז די סומע פונ די אלע ווילקירלעכ פעסטגעשטעלטע ווערטנ זאָל בילדנ דעמ גאנצנ ווערט. איר זעט אלזאָ, ווי פארפירעריש עס איז דער אלגעמיינ פארשפרייטער קוק, וואָס מישט צונויפ דאָס צע-גלידערנ דעמ שוינ פאראנענעמ ווערט אפ 3 טיילנ מיטנ בילדנ דעמ דאָזיקנ ווערט דורכ צונויפלייגנ 3 אומאָפהענגיקע ווערטנ אונ פאר-וואנדלט אזויארומ דעמ גאנצנ ווערט, פונ וועלכנ עס שטאמענ די רענטע, דער רעוועכ אונ דער פראָצענט, אינ א ווילקירלעכער גרייס.

אויב דער גאנצער רעוועכ, וואָס דער קאפיטאליסט באקומט, בא-טרעפט 100 פונט סטערלינג, איז, ווענ מיר באטראכטנ די דאָזיקע סומע אלס אנ אבסאָלוטע גרייס, רופנ מיר זי אָנ „די מאסע פונ רעוועכ". אויסרעכענענדיק ווידער די פארהעלטעניש פונ די דאָזיקע 100 פונט צומ פריער אויסגעלייגטנ קאפיטאל, רופנ מיר אָנ די דאָ-זיקע רעלאטיווע גרייס „די נאָרמע פונעמ רעוועכ". ס'איז קלאָר, אז די דאָזיקע נאָרמע פונעמ רעוועכ קאָנ אויסגעדריקט ווערנ אפ צוויי-ערליי אויפאנימ.

לאָמיר זיכ פאָרשטעלנ, אז 100 פונט איז דער קאפיטאל, וואָס איז פריער אויסגעלייגט געוואָרנ אלס ארבעטלוינ. אויב דער געשא-פענער מערווערט מאכט אויכ אויס 100 פונט, — דאָס באווייזט אונדז, אז א העלפט פונעמ ארבעטערס ארבעטטאָג באשטייט פונ ניטבא-צאָלטער ארבעט, — אונ מיר וועלנ אויסמעסטנ דעמ דאָזיקנ רעוועכ אינ פארגלייכ מיטנ קאפיטאל, וואָס איז אויסגעלייגט אפ ארבעטלוינ, וועלנ מיר זאָגנ, אז די נאָרמע פונעמ רעוועכ[1] באטרעפט 100 פראָ-צענט, ווייל דער אויסגעלייגטער קאפיטאל האָט באטראָפנ 100 פונט, אונ דער רעאליזירטער ווערט — 200 פונט.

ווענ מיר זאָלנ, פונ דער אנדער זייט, באטראכטנ ניט בלויז דעמ קאפיטאל, וואָס איז אויסגעלייגט געוואָרנ אפ ארבעטלוינ, נאָר די

---

1 שפעטער, אינ „קאפיטאל", רופט עס מארקס אָנ „נאָרמע פונ מערווערט" („נאָרמע פונ רעוועכ" הייסט בא אימ דאָרטנ די פארהעלטעניש פונעמ רעוועכ צומ גאנצנ קאפיטאל).

גאנצע סומע אויסגעלייגטנ קאפיטאל, לעמאָשל, 500 פונט, פונ וועלכע 400 פונט איז דער ווערט פונ די רוי-מאטעריאלנ, מאשינעס אאוו., וואָלטנ מיר געמוזט זאָגנ, אז די נאָרמע פונעמ רעווער באטרעפט נאָר 20 פראָצענט, ווייל דער רעווער פונ 100 פונט באטרעפט נאָר א פינפטכיילעק פונעמ גאנצנ אויסגעלייגטנ קאפיטאל.

דער ערשטער אופנ אויסצודריקנ די נאָרמע פונעמ רעווער איז דער איינציקער, וואָס באווייזט אייך דיווירקלעכע קעגנזייטיקע פארהעלטעניש צווישנ דער באצאָלטער אונ דער ניטבאצאָלטער ארבעט, דעמ ווירקלעכנ גראד פונ דער עקספלואטאציע פונ דער ארבעט (אנטשולדיקט מיר דאָס פראנצויזישע וואָרט). דער צווייטער אופנ פונ אויסדריקנ די נאָרמע פונעמ רעווער איז אלגעמיינ-געברויכלעכ אונ איז ווירקלעכ זייער באקוועמ פאר געוויסע צוועקנ. אלנפאלס איז ער העכסט נוצלעכ, קעדיי צו פארבאָרגנ, אפ וויפל דער קאפיטאליסט פרעסט ארויס פונעמ ארבעטער אומזיסטע ארבעט.

אינ די באמערקונגענ, וואָס איכ וויל מאכנ, וועל איכ באניצנ דאָס וואָרט „רעווער" צו באצייכענענ די גאנצע מאסע מערווערט, וואָס דער קאפיטאליסט באקומט, ניט נעמענדיק אינ באטראכט די צעטיילונג פונעמ מערווערט צווישנ די פארשיידענע שותפים. ווענ איכ וועל געברויכנ דעמ אויסדרוק „נאָרמע פונעמ רעווער", וועל איכ שטענדיק מעסטנ דעמ רעווער מיטנ ווערט פונעמ קאפיטאל, וואָס איז אויסגעלייגט געוואָרנ אפ ארבעטלוינ.

XII. די אלגעמיינע פארהעלטעניש צווישנ דעמ רעווער, דעמ ארבעטלוינ אונ די פרייזנ

ווענ מיר זאָלנ אראָפנעמענ פונעמ ווערט פונ דער סכוירע דעמ טייל ווערט, וואָס גייט אפ אופשטעלנ דעמ ווערט פונ רוי־מאטעריאל אונ אנדערע פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיינענ אפ איר פארטאָנ גע־וואָרנ, דה. ווענ מיר זאָלנ אראָפנעמענ דעמ ווערט, וועלכנ עס שטעלט מיט זיכ פאָר די פריערדיקע ארבעט, וואָס אנטהאלט זיכ אינ דער סכוירע, וועט דער רעשט פונ ווערט זיינ יענער סכומ ארבעט, וועלכנ עס גיט איר צו דער לעצטער ארבעטער, וואָס האָט אפ איר געארבעט. אויב דער דאָזיקער ארבעטער ארבעט יעדנ טאָג 12 שאָ, אונ 12 שאָ דורכשניטלעכע ארבעט קריסטאליזירנ זיכ אינ א גאָלד-

סומע פונ 6 שילינג, איז דער דאָזיקער צוגעגעבענער ווערט פונ 6 שילינג דער איינציקער ווערט, וואָס זײַנ ארבעט האָט געשאפנ. אָט דער באשטימטער ווערט, וואָס הענגט אָפּ פונ דעמ, ווי לאנג עס האָט געדויערט די ארבעט, וועלכע ער האָט אָפּגעטאָנ, — איז דער איינציקער פאָנד, פונ וועלכנ ער, ווי אויכ דער קאפּיטאליסט, קאָנ שעפּנ אנטשפּרעכיקע טײלנ אָדער דיווידענדנ, — דאָס איז דער איינציקער ווערט, וואָס קאָנ צעטײלט ווערנ אפּ ארבעטלוינ אונ אפּ רעוועכ. ס׳איז קלאָר, אז אנ אונ פאר זיכ וועט זיכ די גרייס פונ דעמ דאָזיקנ ווערט ניט ענדערנ דערפונ, וואָס מענ קאָנ אימ צעטײלנ צווישנ די אָנטײלנעמער אינ פארשיידענע פּראָפּאָרציעס. אינ טאָכ וועט זיכ אויכ גאָרנישט ענדערנ, ווענ איר וועט אָנשטאָט איינ ארבעטער נעמענ די גאנצע ארבעטנדיקע באפעלקערונג אונ אָנשטאָט איינ ארבעטטאָג, צומבײַשפּיל, 12 מיליאָנ ארבעטטעג.

אזויווי דער קאפּיטאליסט אונ דער ארבעטער קאָנענ צווישנ זיכ טײלנ מער ניט ווי אָט דעמ באגרענעצטנ ווערט, ד. ה. דעמ ווערט, וואָס ווערט געמאָסטנ מיט דעמ ארבעטערס גאנצער ארבעט, איז וואָס מער איינער פונ זיי באקומט, אלצ ווייניקער באקומט דער צווייטער, אונ פארקערט. אויב עס איז פאראנ א באשטימטער סכומ, קאָנ איינ טײל פונ דעמ דאָזיקנ סכומ פארגרעסערט ווערנ נאָר אפּ וויפל עס ווערט פארקלענערט דער צווייטער טײל. אויב דער ארבעטלוינ ענדערט זיכ, מוז זיכ דער רעוועכ ענדערנ אינ א פארקערטער ריכטונג. ווענ דער ארבעטלוינ פאלט, שטײַגט דער רעוועכ, אונ ווענ דער ארבעטלוינ שטײַגט, פאלט דער רעוועכ. אויב דער ארבעטער באקומט — לויט אונדזער פריערדיקער פאָרויסזעצונג — 3 שילינג, — א העלפט פונ דעמ ווערט, וואָס ער פּראָדוצירט, — אָדער אויב זײַנ ארבעטטאָג באשטייט אפּ א העלפט פונ באצאָלטער ארבעט אונ אפּ א העלפט פונ ניטבאצאָלטער, וועט די נאָרמע פונעמ רעוועכ באטרעפנ 100 פּראָצענט, ווײַל דער קאפּיטאליסט וועט אויכ באקומענ 3 שילינג, אויב דער ארבעטער באקומט נאָר 2 שילינג, אָדער אויב ער ארבעט פאר זיכ נאָר א דריטל פונעמ ארבעטטאָג, וועט דער קאפּיטאליסט באקומענ 4 שילינג, אונ די נאָרמע פונעמ רעוועכ וועט אויסמאכנ 200 פּראָצענט. ווענ דער ארבעטער באקומט 4 שילינג, פאלט די נאָרמע פונעמ רעוועכ ביז 50 פּראָצענט. אָבער די אלע ענדערונגענ האָבנ קיינ שומ ווירקונג ניט אפּנ ווערט פונ דער סכוירע. אנ אלגע-

מיינע העכערונג פונעמ לוינ וועט מיטברענגענ מיט זיכ א פארקלענערונג פונ דער אלגעמיינער נאָרמע פונ רעוועכ, — אָבער זי וועט זיכ ניט אָפּשפּיגלענ אפ די ווערטנ פונ די סכוירעס.

די ווערטנ פונ די סכוירעס, וואָס רעגולירנ אינ דער לעצטער אינסטאנצ די מארק-פרייזנ, ווערנ באשטימט אויסשליסלעכ דורכנ גאנצנ סכומ ארבעט, וואָס איז פיקסירט אינ זיי, אונ ניט דורכנ טיילנ דעמ דאָזיקנ סכומ אפ באצאָלטער אונ ניטבאצאָלטער ארבעט. אָבער דערפונ דרינגט קלאָר ניט ארויס, אז די ווערטנ פונ די באזונדערע סכוירעס אָדער פונ די גאנצע מאסנ סכוירעס, וואָס ווערנ פראָדוצירט אינ מעשעכ פונ 12 שאָ, צומביישפיל, וועלנ בלייבנ קאָנסטאנט. די צאָל אָדער די מאסע סכוירעס, וואָס איז פראָדוצירט געוואָרנ אינ מעשעכ פונ א באשטימטער ארבעט-צייט אָדער דורכ א באשטימטנ סכומ ארבעט, הענגט אָפּ פונ דער פראָדוקטיווקייט פונ דער ארבעט, וואָס איז פארטאָנ געוואָרנ אפ צו שאפנ זי, אונ ניט פונ איר דויער אָדער פונ איר לענג. בא א באשטימטנ גראד פראָדוקטיווקייט פונ א שפינערס ארבעט, צב., קאָנ פראָדוצירט ווערנ אינ מעשעכ פונ א 12־שאָיִקנ ארבעטטאָג 12 פונט גארנ, אונ בא א נידעריקערנ גראד פראָדוקטיווקייט — נאָר 2 פונט. אויב 12 שאָ דורכשניטלעכע ארבעט ווערנ פארקערפערט אינ א ווערט פונ 6 שילינג, וועלנ 12 פונט גארנ אינ איינ פאל קאָסטנ 6 שילינג, אונ אינ צווייטנ פאל וועלנ 2 פונט גארנ אויכ קאָסטנ 6 שילינג. דעריבער וועט א פונט גארנ אינ איינ פאל קאָסטנ 6 פענס אונ אינ צווייטנ — 3 שילינג. דער אונטערשייד אינ די פרייזנ וואָלט געווענ א רעזולטאט פונ דעמ אונטערשייד אינ דער פראָדוקטיווקייט פונ דער פארווענדטער ארבעט. בא א גרויסער פראָדוקטיווקייט אינ דער ארבעט וואָלט אינ 1 פונט גארנ געווענ פארקערפערט א שאָ ארבעט, אונ בא א קלענערער פראָדוקטיווקייט וואָלט אינ אימ געווענ פארקערפערט 6 שאָ ארבעט. אינ איינ פאל וואָלט דער פרייז פונ א פונט גארנ געווענ ניט מער ווי 6 פענס, כאָטש דער ארבעטלוינ וואָלט געווענ פארהעלטנישמעסיק הויכ אונ די נאָרמע פונעמ רעוועכ — פארהעלטנישמעסיק נידעריק, אונ אינ צווייטנ פאל וואָלט דער פרייז פונ א פונט גארנ געווענ 3 שילינג, כאָטש דער ארבעטלוינ וואָלט געווענ נידעריק אונ די נאָרמע פונעמ רעוועכ — הויכ. דאָס וואָלט געווענ אזוי דערפאר, ווייל דעמ פרייז פונ א פונט גארנ באשטימט

דער גאנצער סכום ארבעט, וואָס איז אפ אים פארטאָג געוואָרן, און ניט דער רעזולטאט פון טיילן דעם גאנצן סכום ארבעט אפ באצאָל־טער און אומבאצאָלטער.

אלזאָ, דער פאקט, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, — אז די הויך-באצאָלטע ארבעט קאָן פראָדוצירן ביליקע סכוירעס און די ני־דעריק-באצאָלטע ארבעט טײַערע סכוירעס, — פארלירט דעם כאראק־טער פון א פאראדאָקס. ער איז נאָר אן אויסדרוק פון דעם אלגע־מיינעם געזעץ, אז דעם ווערט פון א סכוירע באשטימט דער סכום ארבעט, וואָס איז אפ איר פארטאָג געוואָרן, אָבער דער דאָזיקער סכום הענגט אָפּ אינגאנצן פון דער פראָדוקטיווקײַט פון דער אָנגע־ווענדטער ארבעט און ער ענדערט זיך דעריבער מיט יעדער ענדע־רונג פון דער רבעט־פראָדוקטיווקײַט.

XIII. די הויפּט־פאלן פון פרווון צו העכערן דעם ארבעטלוין אָדער קעמפן קעגן זײַן פאלן

מיר דארפן איצט ערנסט באטראכטן די וויכטיקסטע פאלן, ווען מע פרווט דערגרייכן א העכערונג פונעם ארבעטלוין אָדער ניט דערלאָזן אראָפּזעצן אים.

1) מיר האָבן געזען, אז דעם ווערט פון דער ארבעטקראפט אָדער, ווי מע זאָגט, דעם ווערט פון דער ארבעט באשטימט דער ווערט פון די נייטיקע לעבנ־מיטלען אָדער דער סכום ארבעט, וואָס איז נייטיק אפ צו פראָדוצירן זיי. אלזאָ, אויב דער ווערט פון די נייטיקע לעבנ-מיטלען, וואָס אן ארבעטער פארבוויכט דורכשניט־לעך יעדן טאָג, באטרעפט אין א באשטימטן לאנד 6 שאָ ארבעט, וואָס ווערן אויסגעדריקט אין 3 שילינג, וואָלט דער ארבעטער באַ־דארפט ארבעטן יעדן טאָג 6 שאָ צו שאפן אן עקוויוואלענט פון זײַן טאָג-אויי האלטונג. ווען דער גאנצער ארבעטטאָג געדויערט אָבער 12 שאָ, וועט אים דער קאפיטאליסט באצאָלן פארן ווערט פון זײַן ארבעט 3 שילינג. א האלבער ארבעטטאָג וועט זײַן ניט־באַצאָלטע ארבעט, און די נאָרמע פונעם רעווע׳ך וועט באטרעפן 100 פּראָצענט.

אָבער לאָמיר אָננעמען, אז מאכמעס דעם, וואָס עס איז פארקלענערט געוואָרן די פראָדוקטיווקײַט פון דער ארבעט, איז נייטיק געוואָרן

מער אַרבעט אפּ צו פּראָדוצירן דעם זעלבן סכום, לאָמיר זאָגן, לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, אַזוי, אַז דער פּרײַז פון די נייטיקע לעבנ־מיטלען, וואָס ווערן דורכשניטלעך פאַרברויכט יעדן טאָג, וועט שטײַגן פון 3 שילינג ביז 4. אין דעם פאַל וואָלט דער ווערט פון דער אַרבעט געשטיגן אַפּ אַ דריטל אָדער אַפּ $33^1/_3$ פּראָצענט. מע וואָלט באַדאַרפט האָבן 8 שאָ אַרבעט אַפּ צו שאַפן אַן עקוויוואַלענט פון דעם אַרבעטערס טאָג-אויסהאַלטונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זײַן פריערדיקן לעבנס־ניוואָ. די מער-אַרבעט וואָלט דעריבער געפאַלן פון 6 שאָ ביז 4, און די נאָרמע פונעם רעווע‌ח — פון 100 פּראָצענט ביז 50 פּראָצענט. דער אַרבעטער, וואָס פאָדערט בא אַזוינע באַדי־נגונגען, מע זאָל אים העכערן דעם אַרבעטלוין, פאָדערט, אַז מע זאָל העכערן דעם ווערט פון זײַן אַרבעט — פּונקט ווי יעדער אַנ־דערער פאַרקויפער פון אַ סחורה שטרעבט דערצו, אַז דער געהע־כערטער ווערט פון דער סחורה זאָל באַצאָלט ווערן, ווען די הוי־צאָעס אַפּ זײַן סחורה ווערן גרעסער. אויב דער אַרבעטלוין ווערט ניט געהעכערט אָדער ער ווערט געהעכערט ניט גענוג אַפּ צו קאָמ־פּענסירן דעם אַרבעטער פאַרן געהעכערטן ווערט פון די נייטיקע לעבנ־מיטלען, פאַלט דער פּרײַז פון דער אַרבעט נידעריקער פאַר איר ווערט און דעם אַרבעטערס לעבנ-באַדינגונגען ווערן ערגער.

אָבער עס קאָן אויך פאָרקומען אַ ענדערונג אין אַ פאַרקער־טער ריכטונג.

אַדאַנק דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקטיווקײַט פון דער אַרבעט קאָן דער זעלבער סכום נייטיקע לעבנ־מיטלען, וואָס ווערן דורכ־שניטלעך פאַרברויכט יעדן טאָג, ביליקער ווערן פון 3 שילינג ביז 2 שילינג אָדער אָנשטאָט 6 שאָ אַרבעט וועט מען דאַרפן האָבן נאָ־ 4 שאָ אַפּ פּראָדוצירן אַן עקוויוואַלענט פונעם ווערט פון די טאָג-טעגלעכע נייטיקע לעבנ מיטלען. דער אַרבעטער וועט אין אַזאַ פאַל קאָנען קויפן פאַר 2 שילינג פּונקט אַזויפיל נייטיקע לעבנ־מיטלען, וויפל ער פלעגט פריער קויפן פאַר 3 שילינג. דער ווערט פון דער אַרבעט וואָלט דאָ פאַקטיש געפאַלן, אָבער אָט דער קלע־נער געוואָרענער ווערט וואָלט פאַרמאָגט דעם זעלבן סכום סחורעס ווי פריער. דעמלט וואָלט דער רעווע‌ח געשטיגן פון 3 שילינג ביז 4, און די נאָרמע פונעם רעווע‌ח — פון 100 ביז 200 פּראָצענט. דעם אַרבעטערס אַבסאָלוטער לעבנס־ניוואָ איז געבליבן דער זעלבער,

אָבער זײַנ רעלאטיווער לוינ און בעמיילע אויכ זײַנ רעלאטיווע סאָציאלע לאגע — איז פארגלײַכ מיט דער לאגע פונ דעמ קאפּיטא-ליסט — איז געפאלנ. און אויב דער ארבעטער שטעלט זיכ אנטקעגנ אָט דעמ אראָפּזעצנ זײַנ רעלאטיוונ ארבעטלוינ, וויל ער נאָר באקו־מענ א כײלעק פונ דער גרעסער געוואָרענער פּראָדוקטיווקײַט פונ זײַנ אײגענער ארבעט און אײַנהיכנ זײַנ פריערדיקע לאגע אפנ סאָ־ציאלנ לײטער. צב״, די ענגלישע פאבריק־לאָרדנ האָבנ נאָכנ אָפּשאפנ די טווע־געזעצנ אראָפּגעזעצט דעמ אלגעמײנעמ ארבעטלוינ אפ 10 פּראָצענט און האָבנ דערמיט בעפיירעש געבראָכנ די הײליקע צוזאָגנ, וואָס זײ האָבנ געגעבנ בײס דער אגיטאציע קעגנ די טווע־געזעצנ; צוערשט איז דער ווידערשטאנד פונ די ארבעטער געווענ אומעגלעכ, אָבער שפּעטער זײַנענ די פארלאָרענע 10 פּראָצענט ווידער דער־וואָרבנ געוואָרנ אדאנק אומשטענדנ, וואָס איכ קאָנ דאָ ניט אָפּ־שטעלנ זיכ אפ זײ.

2) די ווערטנ פונ די נײטיקע לעבנ־מיטלענ און בעמיילע אויכ דער ווערט פונ דער ארבעט קאָנ בלײַבנ ניט געענדערט. אָבער דער געלט-פּרײַז פונ דער ארבעט קאָנ דאָכ געענדערט ווערנ מאכמעס אנ ענדערונג אינעמ ווערט פונ געלט.

צומבײַשפּיל, ווענ עס ווערנ אנטדעקט רײַכע ארצ־גרובנ אאוו״, קאָנ פּאס״רנ, אז אפ ארויסבאקומענ 2 אונציעס גאָלד זאָל זיכ פאָ־דערנ ניט מער ארבעט, אײדער פריער אפ ארויסבאקומענ 1 אונציע. אינ אזא פאל וואָלט דער ווערט פונ גאָלד געפאלנ אפ א העלפט אָדער אפ 50 פּראָצענט. סײַ דער ווערט פונ ארבעט סײַ דער ווערט פונ אלע אנדערע סכוירעס וואָלט זיכ דעמלט ארויסגעדריקט אינ א פארטאָפּלטנ געלט-פּרײַז אײדער פריער. די 12 שאָ ארבעט, וואָס פלעגנ פריער ארויסגעדריקט ווערנ אינ 6 שילינג, וואָלטנ איצט ארויסגעדריקט געוואָרנ אינ 12 שילינג. אויב דער לוינ פונ אנ אר־בעטער זאָל דערבײַ בלײַבנ 3 שילינג, אָנשטאָט צו שטײַגנ ביז 6 שילינג, וועט דער געלט-פּרײַז פונ זײַנ ארבעט אויסמאכנ נאָר א העלפט פונ איר ווערט, און זײַנ לעבנס־ניוואָ וועט שרעקלעכ פאר־ערגערט ווערנ. דאָס זעלבע וואָלט פּאָרגעקומענ אינ א גרעסערער אָדער א קלענערער מאָס אויכ אינ דעמ פאל, ווענ זײַנ ארבעטלוינ זאָל אפילע שטײַגנ, אָבער ניט אינ דער פּראָפּאָרצ, אינ וועלכער עס איז געפאלנ דער ווערט פונ גאָלד. אינ דעמ פאל וואָלטנ ניט פאָר־

געקומענ קײנע שום ענדערונגענ ניט אינ דער ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט, ניט אינ דעמ אָנבאָט אונ אינעמ נאָכפרעג, ניט אינעמ ווערט. עס וואָלט זיכ גאָרנישט געענדערט, אכוצ די געלט-נעמענ פונ די זעלבע ווערטנ. זאָגנ אינ אזא פאַל, אז דער ארבעטער דאַרפ ניט פאָדערנ קײנ אנטשפּרעכיקע העכערונג פונעמ לוינ, וואָלט געהײסנ זאָגנ, ער זאָל זיכ באַנוגענענ דערמיט, וואָס מע צאָלט אימ מיט נעמענ אָנשטאָט זאכנ.

די גאנצע פריִערדיקע געשיכטע באַווײַזט, אז אלע מאָל, ווענ געלט פלעגט פאַרלירנ זײַנ ווערט, פלעגנ די קאַפּיטאַליסטנ שטענדיק אויסניצנ די געלעגנהײַט צו באַשווינדלענ די ארבעטער. די עקאָנאָמיסטנ פונ אײנער זײער א פאַרשפּרײטער שול פאַרזיכערנ, אז איבער דעמ, וואָס עס האָבנ זיכ געעפנט נײַע גאָלד-גרובנס, איבער דעמ, וואָס עס האָט זיכ פאַרבעסערט די באַארבעטונג פונ די זילבער-ארצגרובנס אונ ס'איז ביליקער געוואָרנ קוועקזילבער, איז איצט דער ווערט פונ די אײדעלע מעטאַלנ ווידער געפאַלנ. דאָס וואָלט געקאָנט דערקלערנ די שטרעבונג צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ, וואָס איז אנטשטאַנענ אפנ קאָנטינענט אומעטומ אונ גלײַכצײַטיק.

3) ביז איצט האָבנ מיר זיכ געהאַלטנ בא דער פאָרהאַנאָכע, אז דער ארבעטטאָג האָט באַשטימטע גרענעצנ. אָבער אנ אונ פאַר זיכ גענומענ, האָט דער ארבעטטאָג קײנ שטענדיקע גרענעצנ ניט. דער קאַפּיטאַל שטרעבט שטענדיק צו פאַרלענגערנ אימ ביז דער גרעסטער פיזיש-מעגלעכער לענג, ווײַל פּראָפּאָרציאָנעל צו דער דאָזיקער פאַרלענגערונג ווערט גרעסער די מערארבעט, אונ בעמײלע אויכ דער רעווח, וואָס שטאַמט פונ דער מערארבעט. וואָס מער דעמ קאַפּיטאַל גיט זיכ אײַנ צו פאַרלענגערנ דעמ ארבעטטאָג, אלצ גרעסער ווערט דער סכומ ארבעט, וואָס ער נעמט צו בא אנדערע מענטשנ פאַר זיכ. אינ משך פונעמ XVII אונ אפילע אינ די ערשטע צוויי דריטל פונעמ XVIII יאָרהונדערט איז אינ גאַנצ ענגלאַנד דער 10-שעהיקער ארבעטטאָג געווענ א נאָרמאַלער ארבעטטאָג. בײַס דער אנטי-יאַקאָבינישער מילכאָמע,[1] וועלכע עס האָבנ אינ דערווירקלעכקײַט געפירט די בריטישע אריסטאָקראַטנ קעגנ דער בריטי-

[1] די מילכאָמע פונ דער קאָאַליציע פונ די אײראָפּײִשע מעלוכעס בעראָש מיט ענגלאַנד קעגנ רעוואָלוציאָנערנ פראַנקרײַכ אינ דער עפּאָכע פונ דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע.

שער ארבעטער-מאסע, האָט דער קאפּיטאל געפּראוועט זײַנע וואקכאנא-ליעס און האָט פארלענגערט דעם ארבעטסטאָג פון 10 שאָ ביז 12, 14 און 18 שאָ. מאלטוס — א מענטש, וואָס איר וועט אים אוואדע ניט כוישעד זײַן אין צו גרויסן סענטימענטאליזם, — האָט דערקלערט אין זײַן פּאמפלעט, וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אומגעפער אין יאָר 1815, אז אויב דאָס וועט אזוי ווײַטער דויערן, וועט דאָס לעבן פון דער נאציע אונטערגעריסן ווערן ביזן סאמע וואָרצל. אין יאָר 1765, עטלעכע יאָר איידער עס זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן די נײַ-דער־פונדענע מאשינעס, איז אין ענגלאנד דערשינען א פּאמפלעט מיטן נאָמען „An Essay on Trade“ („עסיוד וועגן האנדל“). דער אנאָני-מער אויטער פונעם פּאמפלעט, אן אויסגעשפּראָכענער סוינע פונעם ארבעטער־קלאס, זאָגט זיך ארויס פאר דער נייטיקײַט צו פארברייי־טערן די גרענעצן פונעם ארבעטסטאָג. אגעוו, צווישן די מיטלען צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק האלט ער די „ארבעט־הײַזער“, וואָס דארפן זײַן, נאָך זײַן מיינונג, „שרעק־הײַזער“ („Houses of Terror“). וואָס־זשע פאר אן ארבעטסטאָג לייגט ער פאָר פאר די דאָזיקע „שרעק־הײַזער“? 12 שאָ, — פונקט די זעלבע צײַט, וואָס די קאפּי-טאליסטן, פּאָליט־עקאָנאָמיסטן און מיניסטאָרן האָבן אנערקענט אין יאָר 1832 ניט נאָר אלס עקזיסטירנדיקע, נאָר אויך אלס נייטיקע ארבעט-צײַט פאר א קינד יינגער פון 12 יאָר.

פארקויפנדיק זײַן ארבעטקראפט, — און בא דער הײַנטיקער סיס-טעם איז ער דאָס געצוווּנגען צו טאָן, — לאָזט דער ארבעטער דעם קאפּיטאליסט פארניצן די דאָזיקע קראפט, אָבער דאָך אין געוויסע, פארנינפטיקע גרענעצן. ער פארקויפט זײַן ארבעטקראפט, קעדיי אונ־טערצוהאלטן זי און ניט קעדיי צו צעשטערן זי (וועגן איר נאטיר־לעכער אָפּניצונג רעדט מען ניט). ווען די ארבעטקראפט ווערט פאר־קויפט פאר איר טעגלעכן אָדער וועכנטלעכן ווערט, ווערט פאָרויס-געזעצט, אז די ארבעטקראפט וועט אין מעשעך פון טאָג אָדער אין מעשעך פון דער וואָך ניט פארטאָן ווערן אָדער ניט אויסגענוצט ווערן אזוי, ווי אין 2 טעג אָדער אין 2 וואָכן. נעמט א מאשין, וואָס איז ווערט 1000 פונט סטערלינג. ווען מע זאָל זי אויסניצן אין פארלויף פון 10 יאָר, וועט זי יעדעס יאָר צוגעבן 100 פונט סטערלינג צום ווערט פון די סכוירעס, וועלכע זי פּראָדוצירט. אויב זי ווערט אָפּגענוצט נאָר אין מעשעך פון 5 יאָר, וועט זי צוגעבן

יעדעס יאָר צום ווערט פון די סכוירעס 200 פונט, ד.ה. דער ווערט פון איר יערלעכער אָפניצונג איז פארקערט פראָפאָרציאָנעל צו דער גיכקייט, מיט וועלכער זי ווערט אָפגעניצט. אָבער גראָד דאָ לאָזט זיך פילן דער אונטערשייד פון אן ארבעטער ביז א מאשין. א מאשין ווערט אָפגענוצט ניט פונקט אין דער זעלבער פראָפאָרץ, ווי זי ווערט גענוצט. א מענטש, פארקערט, ווערט אָפגענוצט אין א סאך א גרעסערער פראָפאָרץ, איידער דאָס לאָזט זיך מערקן באם בלויזן ציפער־כעזשבן פון זיין ארבעט.

ווען די ארבעטער שטרעבן צו פארקירצן דעם ארבעטסטאָג ביז זיין פריערדיקער פארנינפטיקער גרייס, אָדער ווען זיי שטרעבן — דאָרטן, ווו זיי קאָנען ניט אויספירן, אז דער געזעץ זאָל פיקסירן א נאָרמאלן ארבעטסטאָג — ניט צו דערלאָזן קיין ארבעט איבער דער מאָס דורך העכערן דעם ארבעטלוין (ניט בלויז פונקט פראָפאָרציאָנעל צו דער מער־צייט, נאָר אין א גרעסערער פראָפאָרץ), פילן זיי דערמיט נאָר אויס זייער כויוו קעגן זיך אליין און קעגן זייער ראסע. דערמיט שטעלן זיי נאָר אוועק א גרענעץ קעגן די טיראנישע פרעטענזיעס פונעם קאפיטאל. צייט איז רוים אין דער מענטשלעכער אנטוויקלונג. א מענטש, וואָס פארמאָגט ניט קיין פרייע צייט, א מענטש, וואָס איז זיין גאנצן לעבן אכוץ די ריין-פיזישע איבעררייסן אף שלאָפן, עסן, אאוו., פארנומען מיט ארבעט פארן קאפיטאליסט, — אזא מענטש איז נידעריקער פאר א לאסט־פי. צעבראָכן פיזיש און גייסטיק דערפירט ביזן צושטאנד פון א בעהיימע, איז ער ניט מער ווי א מאשין צו שאפן פרעמדן רייכטום. און די גאנצע געשיכטע פון דער מאָדערנער אינדוסטריע באווייזט, אז דער קאפיטאל, אויב מע זאָל אים ניט איינצוימען, וועט שטרעבן אכזאָריעסדיק און אָן ראכמאָנעס צו דערפירן דעם גאנצן ארבעטער־קלאס צו אזא צושטאנד פון טיפסטער דעגראדאציע.

דער קאפיטאליסט קאָן באם פארלענגערן דעם ארבעטסטאָג צאָלן א העכערן ארבעטלוין, און דאָך וועט דער ווערט פון דער ארבעט פאלן, אויב די העכערונג פונעם ארבעטלוין וועט ניט אנטשפרעכן דעם גרעסערן סכום ארויסגעפרעסטע ארבעט און דער גיכערער אויסצערונג פון דער ארבעטקראפט. דאָס זעלבע קאָן אויך פאָרקומען אף אן אנדער אויפן. אייערע בורזשואזע סטאטיסטיקער, לעמאָשל, זאָגן, אז דער דורכשניטלעכער ארבעטלוין פון די פאמיליעס, וואָס אר-

בעטנ אינ די לאנקאשירער פאבריקנ, איז געשטיגנ. אָבער זיי פארגעסנ, אז אָנשטאָט דער ארבעט פונעמ מאנספערזאָנ אליינ, ווערנ איצט געוואָרפנ פאר קאָרבאָנעס אונטערנ רייַט־וואָגנ פונעמ דזשאגערנאוט[1] — דעמ קאפיטאל דער הויפּט פונ דער פאמיליע, זייַנ פרוי אונ דרייַ אָדער פיר קינדער, אונ די פארגרעסערונג פונ דער אלגעמיינער סומע לוינ אנטשפּרעכט ניט דער גרעסערער סומע ארבעט, וואָס ווערט ארויסגעפּרעסט פונ דער פאמיליע.

נאָר אפילע בא די גרענעצנ פונעמ ארבעטטאָג, וואָס עקזיסטירנ אינ אלע צווייַגנ פונ דער אינדוסטריע, וועלכע זייַנען אונטערגעוואָרפנ די פאבריק־געזעצנ, קאָנ אויכ אמאָל נייטיק זייַנ צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ, בלויז קעדיי אייַנצוהאלטנ דעמ פריִערדיקנ נאָרמאלנ ווערט פונ דער ארבעט. די געשטיגענע אינטענסיווקייַט פונ דער ארבעט קאָנ צווינגענ אנ ארבעטער צו פארטאָנ אינ מעשעכ פונ א שאָ אזויפיל לעבעדיקע קראפט, וויפל ער פלעגט פריִער פארטאָנ אינ צוויי שאָ. דאָס איז שוינ ביז א געוויסנ גראד פארווירקלעכט געוואָרנ אינ יענע אינדוסטריע־צווייַגנ, וואָס זייַנען אונטערגעוואָרפנ די פאבריק־געזעצנ, דערמיט, וואָס עס איז פארגיכערט געוואָרנ די ארבעט פונ די מאשינעס, אונ עס איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל מאשינעס, וואָס איינ מענטש דארפ באדינענ. ווענ די אינטענסיווקייַט פונ דער ארבעט אָדער דער סכומ ארבעטקראפט, וואָס ווערט פארטאָנ אינ מעשעכ פונ א שאָ, ווערט פארגרעסערט אינ אזא פראָפּאָרצ, וואָס אנטשפּרעכט דער פארקלענערונג פונ דעמ ארבעטטאָג, געווינט דערפונ דער ארבעטער. אָבער ווי נאָר די דאָזיקע פּראָפּאָרצ איז געשטערט, פארלירט ער אינ איינ פאָרמ דאָס, וואָס ער האָט געוווּנענ אינ אנ אנדער פאָרמ, אונ 10 שאָ ארבעט קאָנענ אינ אזא פאל ווירקנ פונקט אזוי צעשטערנדיק ווי פריִער 12. ארויסטרעטנדיק קעגנ אזא טענדענצ פונ קאפיטאל אונ קעמפנדיק פאר א העכערנ ארבעטלוינ, וואָס זאָל אנטשפּרעכנ דער גרעסער געוואָרענער אינטענסיווקייַט פונ דער ארבעט, שטעלט זיכ דער ארבעטער נאָר

[1] דזשאגערנאוט איז דער אינדישער אָפּגאָט אינ אריסע, וואָס מע פלעגט אימ בא א געוויסנ יאָנטעוו פירנ אפ א הויכנ רייַטוואָגנ; די גלויביקע פלעגנ זיכ ווארפנ אונטער די רעדער, אונ פיל פונ זיי פלעגנ אומקומענ דערבייַ.

אַנטקעגן דעם אַראָפּזעצן דעם ווערט פֿון זײַן אַרבעט און דעם פֿאַר־ערגערן זײַן ראַטע.

4) איר ווייסט אַלע, אַז איבער סיבעס, וואָס איך קאָן זיך איצט ניט אָפּשטעלן אַף זיי, דרייט זיך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָ־דוקציע אין אַ באַשטימטן פּעריאָדישן ציקל. זי לעבט איבער אַ צושטאַנד פֿון רו, פֿון שטײַגנדיקער אויפֿלעבונג, פֿון אויפֿבלי, פֿון איבעראָנשטרענגונג, פֿון קריזיס און סטאַגנאַציע. די מאַרק־פּרײַזן אַף סכוירעס און די מאַרק־ניוואָען פֿון די רעוואָכים גייען נאָך נאָך די דאָזיקע פֿאַזעס, פֿאַלנדיק צײַטווײַליק נידעריקער פֿאַרן דורכשניט־לעכן ניוואָ און נאָכדעם ווידער אַריבערשטײַגנדיק אים. אויב איר וועט נעמען באַטראַכטן אָט דעם גאַנצן ציקל, וועט איר אײַנזען, אַז איין אָפּווײַכונג פֿון דעם מאַרק־פּרײַז גלײַכט אויס די אַנדערע, און דורכ־שניטלעך ווערן די מאַרק־פּרײַזן אַף סכוירעס רעגולירט דורך זייערע ווערטן. גוט! אינעם פּעריאָד, ווען די מאַרק־פּרײַזן פֿאַלן, און אינעם פּעריאָד פֿון קריזיס און סטאַגנאַציע מוז דער לוין פֿון אַן אַרבעטער אַראָפּגעזעצט ווערן, — אויב דער אַרבעטער פֿאַרלירט ניט בכלל זײַן אַרבעט, — אָבער כּדי ניט צו ווערן באַשווינדלט, מוז ער אַפֿילו בײַ אַזאַ פֿאַלן פֿון די מאַרק־פּרײַזן שטרײַטן מיטן קאַפּיטאַ־ליסט, אין וואָס פֿאַר אַ פּראָפּאָרץ דאָס פֿאַלן פֿון לוין איז געוואָרן נייטיק. אויב דער אַרבעטער זאָל ניט קעמפֿן פֿאַר אַ העכערן אַר־בעטלוין אין פּעריאָד פֿון אויפֿבלי, ווען עס באַקומען זיך אויסערגעוויינלעכע רעוואָכים, וואָלט ער אין דעם דורכשניט פֿון אַ אינדוסטריעלן ציקל קיינמאָל ניט באַקומען דעם דורכשניטלעכן אַרבעטלוין אָדער דעם דורכשניטלעכן ווערט פֿון זײַן אַרבעט. עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקײַט צו פֿאָדערן, אַז דער אַרבעטער, וואָס אין די ניט־גינסטיקע פּעריאָדן פֿון אינדוסטריעלן ציקל ווערט זײַן אַרבעטלוין נייטיקערווײַז פֿאַרקלענערט, זאָל ניט אויסניצן די גינסטיקע פּעריאָדן צו קאָמפּענסירן דעם היזק, וואָס ער לײַדט.

בכלל ווערן די ווערטן פֿון די סכוירעס רעאַליזירט נאָר דורך אויסגלײַכן די מאַרק־פּרײַזן, און די מאַרק־פּרײַזן ענדערן זיך שטענ־דיק איבער די וואַקלונגען פֿונעם נאָכפֿרעג און אָנבאָט. בײַ דער איצטיקער סיסטעם איז אַרבעט פּונקט אַזאַ סכוירע, ווי אַלע אַנדערע סכוירעס. בעמײַלע מוז זי דורכמאַכן די זעלבע וואַקלונגען, ווי יעדע אַנדערע סכוירע, כּדי צו דערגרייכן צו דעם דורכשניטלעכן פּרײַז,

וואָס אנטשפּרעכט איר ווערט. עס וואָלט געווען אן אבסורד, פון איין זײַט, צו האלטן די ארבעט פאר א סכוירע און, פון דער אנ-דערער זײַט, שטעלן זי אויסער די געזעצן, וואָס באשטימען די פּרײַזן פון סכוירעס. א שקלאָף באקומט א שטענדיקן און א פיקסירטן סכום עקזיסטענץ-מיטלען, דער לוין-ארבעטער האָט דאָס ניט. ער מוז שטרעבן צו דערשלאָגן זיך אין א גינסטיקן פאל א העכערן ארבעטלוין, זאָל זײַן נאָר אפּ צו קאָמפּענסירן דעם פארלוסט אינעם ארבעטלוין בא אן אומגינסטיקן פאל. ווען ער זאָל אָנעמען דעם קאפּיטאליסטס פארלאנגען און באפעלן אלס דעם העכסטן עקאָנאָמישן געזעץ, וואָס איז ניט צום ענדערן, וואָלט ער געמוזט לײַדן אלע צאָרעס פון א שקלאָף, ניט געניסנדיק דעם שקלאָפס באוואָרנטקײַט.

5) אין די אלע פאלן, וואָס איך האָב דאָ געבראכט, — און דאָס איז 99 פּראָצענט פון אלע פאלן, — האָט איר געזען, אז דער קאמף פאר א העכערן ארבעטלוין איז מערניט ווי א רעזולטאט פון די פריערדיקע ענדערונגען, א נייטיקער פּראָדוקט פון די פריער פאָר-געקומענע ענדערונגען אין דעם סכום פּראָדוקציע, אין דער פּראָדוק-טיווקײַט פון דער ארבעט, אינעם ווערט פון דער ארבעט, אינעם ווערט פון געלט, אין דער פארברייטערונג אָדער אין דער אינטענ-סיווקײַט פון דער ארבעט, וואָס איז ארויסגעפּרעסט געוואָרן פון דעם ארבעטער, א פּראָדוקט פון די אנטשפּרעכיקע וואקלונגען פון די מארק-פּרײַזן, וואָס הענגען אָפּ פון די וואקלונגען פון דעם נאָכ-פרעג און דעם אָנבאָט און אנטשפּרעכן די פארשיידענע פאזעס פונעם אינדוסטריעלן ציקל, — מיט איין וואָרט, דאָס איז א רעאקציע פון די ארבעטער אפּ דער פריערדיקער אקציע פונעם קאפּיטאל. אויב איר וועט באטראכטן דעם קאמף פאר העכערן דעם ארבעטלוין, ניט נעמענדיק אין באטראכט די אלע אומשטענדן, אויב איר וועט זען נאָר די ענדערונגען פונעם ארבעטלוין און וועט פארזען די אלע אנדערע ענדערונגען, וואָס האָבן זיי ארויסגערופן, וועט איר ארויס-גיין פון א פאלשער פּאָרהאנאָכע און וועט אומפארמײַדלעך קומען צו פאלשע אויספירן.

XIV. דער קאַמפ צווישנ קאַפּיטאַל אונ אַרבעט אונ זײַנע רעזולטאַטנ

1. נאָכ דעמ, ווי איכ האָב באַוויזנ, אַז דעמ פּעריִאָדישנ ווידערשטאַנד פונ די אַרבעטער קעגנ אַראָפּזעצנ דעמ אַרבעטלוינ אונ זייערע פּעריִאָדישע פּרוּווּנ צו דערשלאָגנ זיכ אַ העכערנ לוינ, קאָנ מענ ניט אָפּטיילנ פונ דער סיסטעמ פונ לוינאַרבעט, אונ דאָס ווערט דיקטירט פונ דעמ פאַקט גופא, וואָס אַרבעט איז געגליכנ צו אַ סכוירע אונ דעריבער איז זי אונטערגעוואָרפנ די געזעצנ, וואָס רעגולירנ די אַלגעמיינע באַוועגונג פונ די פּרײַזנ; נאָכ דעמ, ווי איכ האָב ווײַטער באַוויזנ, אַז נאָכ דער אַלגעמיינער העכערונג פונעמ אַרבעטלוינ וואָלט געפאַלנ דער אַלגעמיינער ניוואָ פונ רעווע, אָבער אַפּ די דורכשניטלעכע פּרײַזנ פונ די סכוירעס צי אַפּ זייערע ווערטנ וואָלט די דאָזיקע העכערונג ניט געווירקט — שטעלט זיכ איצט ענדלעכ די פראַגע: אַפּ וויפל האָבנ די אַרבעטער אויסזיכטנ אַפּ אַ דערפאָלג אינעמ דאָזיקנ אָנופהערלעכנ קאַמפ צווישנ אַרבעט אונ קאַפּיטאַל?

איכ וואָלט געקאָנט ענטפערנ מיט אַ פאַראַלגעמיינערונג אונ זאָגנ, אַז פּונקט ווי דער מאַרק־פּרײַז פונ אַלע סכוירעס, אַזוי וועט אויכ דער מאַרק־פּרײַז פונ דער אַרבעט שטענדיק צופּאַסנ זיכ צו איר ווערט, אַז בײַ אַלע פאַרגרעסערונגענ אונ פאַרקלענערונגענ, אונ וואָס דער אַרבעטער זאָל ניט אונטערנעמענ, וועט ער באַקומענ אינ דורכשניט נאָר דעמ ווערט פונ זײַנ אַרבעט, וואָס איז אויסגעדריקט אינעמ ווערט פונ זײַנ אַרבעטקראַפט אונ ווערט באַשטימט דורכ דעמ ווערט פונ די לעבנ־מיטלענ, וואָס זײַנענ נייטיק פאַר דעמ אַרבעטערס אויסהאַלטונג אונ פאַרמערונג, אונ דעמ דאָזיקנ ווערט פונ די לעבנ־מיטלענ באַשטימט ווידער דער סכומ אַרבעט, וואָס איז נייטיק צו פּראָדוצירנ זיי.

עס זײַנענ אָבער פאַראַנ אייניקע באַזונדערע שטריכנ, וואָס טיילנ אויס דעמ ווערט פונ דער אַרבעטקראַפט, אָדער דעמ ווערט פונ דער אַרבעט פונ צווישנ די ווערטנ פונ אַלע אַנדערע סכוירעס. דעמ ווערט פונ דער אַרבעטקראַפט בילדנ צוויי עלעמענטנ, וואָס איינער פונ זיי איז בלויז אַ פיזישער אונ דער צווייטער — אַ היסטאָרישער אָדער אַ סאָציִאַלער. זײַנ לעצטע גרענעצ באַשטימט דער פיזישער עלעמענט, ד.ה. קעדיי אויסצוהאַלטנ אונ רעפּראָדוצירנ זיכ

אליין, קעדיי פאָרצוזעצן זײַן פיזישע עקזיסטענץ, מוז דער ארבעטער־קלאס באקומען די אומבאדינגט־נייטיקע לעבנס־מיטלען צום לעבן און פארמערן זיך. דער ווערט פון די דאָזיקע אומבאדינגט־נייטיקע לעבנס־מיטלען בילדעט דעריבער די לעצטע גרענעץ פארן ווערט פון דער ארבעט. פון דער אנדער זײַט, האָט אויך די לענג פונעם ארבעטסטאָג א גרענעץ, כאָטש ער לאָזט זיך זייער פאנאנדערציִען. איר העכסטע גרענעץ באשטימט דעם ארבעטערס פיזישע קראפט. ווען דעם ארבעטערס לעבעדיקע קראפט ווערט אָנגעשטרענגט טאָג־טעגלעך העכער פון דער באשטימטער גרענעץ, מוז זי סאָפקאָלסאָפ אויסגעשעפּט ווערן. פונדעסטוועגן, ווי איך האָב געזאָגט, לאָזט זיך די דאָזיקע גרענעץ שטארק פאנאנדערציִען. א גיכער אומבײַט פון דוירעס שוואכע און קורציאָריקע מענטשן קאָן פונקט אזוי גיך באוואָרענען דעם ארבעט־מארק, ווי א ריי שטארקע און לאנגיאָריקע דוירעס.

אכוץ דעם ריין־פיזישן עלעמענט באשטימט דעם ווערט פון דער ארבעט אין יעדן לאנד דער טראדיציאָנעלער לעבנס־ניוואָ. ער באשטייט ניט אינעם פיזישן לעבן אליין, נאָר אויך אינעם באפרידיקן געוויסע באדערפענישן, וואָס שטאמען פון די געזעלשאפטלעכע באדינגונגען, אין וועלכע די מענטשן לעבן און בא וועלכע זיי האָבן זיך דערצויגן. דעם ענגלישן לעבנס־ניוואָ קאָן מען דערפירן צום אירלענדישן, דעם לעבנס־ניוואָ פון א דײַטשישן פויער קאָן מען דערפירן צום לעבנס־ניוואָ פון א ליפלענדישן פויער. וועגן דער וויכטיקסטער ראָליע, וועלכע עס שפּילן אין געגעבענעם פאל די היסטאָרישע טראדיציעס און די סאָציאלע געוווינהײַטן, קאָנט איר זיך דערוויסן פון טאָרנטאָנס ווערק „Overpopulation" („איבערבאפעלקערונג"), וואָס דערווײַזט, אז דער דורכשניטלעכער ארבעטלוין אין פארשיידענע לאנדווירטשאפטלעכע קרײַזן פון ענגלאנד איז נאָך איצט אויך מער ווייניקער פארשיידן איבער די מער אָדער ווייניקער גינסטיקע אומשטענדן, בא וועלכע זיי זײַנען ארויסגעגאנגען פון לײַבאייגנטום.

אָט דער היסטאָרישער אָדער סאָציאלער עלעמענט, וואָס ווירקט אפּן ווערט פון דער ארבעט, קאָן פארגרעסערט ווערן אָדער פארקלענערט ווערן אָדער אפילע גאָר פארניכטעט ווערן אזוי, אז עס וועט גאָרנישט בלײַבן אכוץ די פיזישע גרענעצן.

בײַם דער אנטי־יאקאָבינישער מילכאָמע, וואָס איז אונטערגענו־

מען געוואָרן, ווי עס פּלעגט זאָגן דער אומפּארבעסערלעכער שטײַער־פּרעסער און ציניקער, דער אלטער דזשאָרדזש ראָז, צו באַשיצן די טרייסט פון אונדזער הייליקער רעליגיע קעגן דעם אָנפאל פון די אומגלייביקע פראנצויזן, האָבן אונדזערע ערלעכע ענגלישע פּער־מערס, וועגן וועלכע מיר האָבן אזוי זאָרגעוודיק געשמועסט אפּ איינער פון אונדזערע פּאָריקע זיצונגען, פּארקלענערט דעם ארבעט־לוין פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אפילע נידעריקער פאר זייער ריין־פיזישן מינימום. און אָט דעם דעפיציט אין לעבן־מיטלען אפּ אופּצוהאלטן די ראסע האָבן זיי געדעקט מיט דער הילפּ פון די געזעצן וועגן אָרעמעלײַט. דאָס איז געווען אן אויסגעצייכנט מיטל צו פארוואנדלען דעם לוין־ארבעטער אין א קנעכט, שעקספּירס שטאָלצן פויער — אין א בעטלער, וואָס באקומט א נעדאָווע.

ווען איר וועט פארגלײַכן דעם ארבעטלוין אָדער דעם ווערט פון דער ארבעט אין פארשיידענע לענדער און אין פארשיידענע היס־טאָרישע עפּאָכעס פון איין און דעם זעלבן לאנד, וועט איר זען, אז דער ווערט פון דער ארבעט איז ניט קיין פיקסירטע גרייס, נאָר א פארענדערלעכע, אפילע אויב מע זאָל אָננעמען, אז די ווערטן פון אלע אנדערע סכוירעס בלײַבן ניט געענדערט.

אזא פארגלײַך וואָלט באוויזן, אז עס ענדערט זיך ניט בלויז דער מארק־ניוואָ פונעם רעווע‍ח, נאָר אויך דער דורכשניטלעכער ניוואָ זײַנער.

וואָס אָנבאלאנגט דעם רעווע‍ח, זײַנען ניטאָ קיין געזעצן, וואָס זאָלן באשטימען זײַן מינימום. מיר קאָנען ניט זאָגן, ווי זײַנען די לעצטע גרענעצן פון זײַן פאלן. פארוואָס קאָנען מיר ניט באשטימען די דאָזיקע גרענעצן? ווײַל מיר קאָנען באשטימען דעם מינימום פון ארבעטלוין, אָבער ניט זײַן מאקסימום. מיר קאָנען נאָר זאָגן, אז ווען עס זײַנען געגעבן די גרענעצן פונעם ארבעטטאָג, אנטשפּרעכט דער מאקסימום רעווע‍ח דעם פיזישן מינימום פון ארבעטלוין, און אז באַם געגעבענעם ארבעטלוין אנטשפּרעכט דער מאקסימום רעווע‍ח אזא פאר־לענגערונג פונעם ארבעטטאָג, וואָס דעם ארבעטערס פיזישע קויכעס קאָנען אויסהאלטן. אזוי־ארום האָט דער מאקסימום רעווע‍ח זײַן גרענעץ אין דעם פיזישן מינימום פון לוין און אין דעם פיזישן מאקסימום פונעם ארבעטטאָג. ס'איז קלאָר, אז צווישן די ביידע גרענעצן פון דעם דאָזיקן מאקסימום־ניוואָ פונעם רעווע‍ח איז מעגלעך א גרויסע

צאָל װאריִאציִעס. די װירקלעכע הײך פון דעם דאָזיקנ ניװאָ באַשטימט דער שטענדיקער קאמפ צװישנ קאפיטאל און ארבעט: דער קאפיטאליסט שטרעבט שטענדיק ארויפצוזעצנ דעם ארבעטלױנ ביז צו זײַנ פיזישנ מיניִמום און פארלענגערנ דעם ארבעטטאָג ביז צו זײַנ פיזישנ מאקסימום. דער ארבעטער װידער דריקט אינ דער קעגנזעצלעכער ריכטונג.

די פראגע, װאָס מיר האָבנ געשטעלט, װערט פארװאנדלט אינ א פראגע װעגנ דער קעגנזײַטיקער קרעפטנ־פארהעלטעניש פונ די קעמפנדיקע צדדים.

2. װאָס אָנבאלאנגט דער באגרענעצונג פונעמ ארבעטטאָג אינ ענגלאנד, װי אינ אלע אנדערע לענדער, װאָלט זי קײנמאָל ניט דערגרייכט געװאָרנ אָנ דער געזעצגעבערישער ארײַנמישונג, און די דאָזיקע ארײַנמישונג װאָלט קײנמאָל ניט פאָרגעקומענ אָנ א דױערנדיקנ דרוק פונ אױסנ מיצאד די ארבעטער. אלנפאלס װאָלט מענ דעמ דאָזיקנ רעזולטאט קײנמאָל ניט געקאָנט דערגרײכנ דורכ טײלװײַזע אָפמאכנ צװישנ די ארבעטער און די קאפיטאליסטנ. טאקע אָט די נײטיקײַט פונ אנ אלגעמײנער פאָליטישער אקציע באװײַזט, אז אינ זײַנ רײנ עקאָנאָמישער טעטיקײַט איז דער קאפיטאל געװענ דער שטארקערער צאד.

װאָס אָנבאלאנגט די גרענעצנ פארנ װערט פונ דער ארבעט, הענגט אָפ זײער װירקלעכע פעסטשטעלונג יעדעס מאָל פונעמ אָנבאָט און פונ דעמ נאָכפרעג. איכ מײנ דאָ דעמ נאָכפרעג אפ ארבעט מיצאד דעמ קאפיטאל און דעמ אָנבאָט פונ ארבעט מיצאד די ארבעטער.

אינ די קאָלאָניִאלע לענדער איז דער געזעצ פונ נאָכפרעג און אָנבאָט גינסטיק פאר די ארבעטער.[1] דערמיט דערקלערט זיכ דער בעכערער הױכער ניװאָ פונ לױנ אינ די פארײניקטע שטאטנ. דאָרטנ איז דער קאפיטאל אינ זײער א שװערער לאגע: ער קאָנ גאָרנישט טאָנ קעגנ דעמ, װאָס דער ארבעט־מארק װערט שטענדיק לײדיק און עס

1 מארקס רעדט דאָ װעגנ אזעלכע קאָלאָניִאלע לענדער, װו עס איז געװענ א סאכ פרײַע ערד, און דעריבער פלעגנ די ארבעטער שטענדיק אָפפליסנ אינ דער לאנדװירטשאפט און פלעגנ זיכ פארװאנדלענ אינ זעלבשטענדיקע פערמערס. אזעלכע לענדער זײַנענ געװענ די פאראײניקטע שטאטנ פונ אמעריקע און אװסטראליע.

קומט פאָר א שטענדיקע פארוואנדלונג פונ לוינארבעטער אינ אומאָפהענגיקע און זעלבשטענדיקע פויערים. די לאגע פונ א לוינארבעטער איז בא א היפשנ טייל אמעריקאנישנ פאָלק ניט מער ווי אנ איבערגאנג־צושטאנד, וועלכנ ער פארלאָזט נאָכ א מער-ווייניקער דויערנדיקנ פעריאָד. קעדיי צו קעמפנ קעגנ אזא קאָלאָניאלער לאגע, האָט די פאָטערלעכ בריטישע רעגירונג ניט לאנג אָנגענומענ די אזוי־גערופענע מאָדערנע טעאָריע פונ קאָלאָניזאציע, וואָס באשטייט אינ איינשטעלנ א קינסטלעכ הויכנ פרייז אפ קאָלאָניאלע ערד און אזויארום ניט דערלאָזנ, אז די לוינ־ארבעטער זאָלנ גיכ פארוואנדלט ווערנ אינ אומאָפהענגיקע פויערים.

נאָר לאָמיר איבערגיינ צו די אלטע ציוויליזירטע לענדער, ווו דער קאפיטאל הערשט איבערנ גאנצנ פראָצעס פונ דער פראָדוקציע. נעמט, צב., די העכערונג פונ דעמ ארבעטלוינ בא די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אינ ענגלאנד אינ דער צייט פונ 1849 ביז 1859. וואָס איז געווענ איר רעזולטאט? די לאנדווירטנ האָבנ ניט געקאָנט העכערנ דעמ ווערט פונ ווייצ, ווי אונדזער פריינט וועסטאָנ וואָלט זיי מיסטאָמע געראטנ, זיי האָבנ אפילע ניט געקאָנט העכערנ דעמ מארקפרייז אפ ווייצ. פארקערט, זיי האָבנ זיכ געמוזט אונטערווארפנ דעמ פאלנ פונ די פרייזנ. אָבער פאר די דאָזיקע 11 יאָר האָבנ זיי איינגעפירט מאשינעס פונ פארשיידענע מינימ און נייע ווינסשאפטלעכע מעטאָדנ, זיי האָבנ פארוואנדלט א טייל אקער-ערד אינ פאשע-ערד, האָבנ פארגרעסערט די גרייס פונ די פערמעס און האָבנ אזויארום פארגרעסערט דעמ פארנעמ פונ דער פראָדוקציע; פארקלענערנדיק מיט די דאָזיקע און אנדערע פראָצעסנ דעמ נאָכפרעג אפ ארבעט דורכ פארגרעסערנ די פראָדוקטיווקייט פונ דער ארבעט, האָבנ זיי געבראכט דערצו, אז די לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג איז ווידער געוואָרנ פארהעלטניסמעסיק צו גרויס אינ צאָל. דאָס איז דער אלגעמיינער מעטאָד, מיט וועלכנ דער קאפיטאל רעאגירט גיכ אָדער לאנגזאמ אפ דער העכערונג פונ ארבעטלוינ אינ די אלטע לענדער, ווו די גאנצע ערד איז באזעצט. ריקארדאָ האָט גאנצ ריכטיק באמערקט, אז די מאשינ קאָנקורירט שטענדיק מיט דער ארבעט און זי קאָנ איינגעפירט ווערנ ערשט דעמלט, ווענ דער פרייז אפ ארבעט איז דערגאנגענ ביז א באשטימטער הייכ. אָבער דאָס באניצנ מאשינעס איז נאָר איינער פונ די פילע אופאנימ צו פארגרעסערנ די פראָדוקטיווקייט פונ דער אר־

בעט. דער זעלבער אנטוויקלונג-פראָצעס, וואָס מאכט איבעריק ניט-געשולטע ארבעט, פאריינפאכט, פון דער אנדער זייט, די געשולטע ארבעט און זעצט אזויארום אראָפּ איר ווערט.

אָט דער זעלבער געזעץ ווערט אויך פארווירקלעכט אף אן אנדער אופן. מיט דער אנטוויקלונג פון דער פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבעט פארגרעסערט זיך גיך די אָנזאמלונג פון קאפיטאל, אפילע בא א פארהעלטנ׳סמעסיק הויכן ניוואָ פונעם ארבעטלוין. פון דעם וואָלט מען געקאָנט ארויסדרינגען, אז די גיכע אָנזאמלונג פון קאפיטאל מוז אריבערבייגן די וואָגשאָל לטובת די ארבעטער, פארגרעסערנדיק דעם נאָכפרעג אף זייער ארבעט, — אזוי האָט טאקע געמיינט אדאם סמיט, אין זיין צייט האָט זיך די מאָדערנע אינדוסטריע נאָך איינגעפונען אין אירע קינדער-יאָרן. האלטנדיק זיך בא דער דאָזיקער מיינונג, האָבן א סאך פון די היינטצייטיקע שרייבער זיך געוואונדערט, וואָס דער ענגלישער קאפיטאל איז די לעצטע 20 יאָר געשטיגן א סאך גיכער איידער די ענגלישע באפעלקערונג, און דער ארבעטלוין איז דאָך ניט געוואָרן העכער. אָבער גלייכצייטיק מיט דער פראָגרעסירנדיקער אָנזאמלונג קומט פאָר א פראָגרעסירנדיקע ענדערונג אינעם צוזאמענשטעל פון קאפיטאל. דער טייל פונעם גאנצן קאפיטאל, וואָס באשטייט פון דעם פיקסן[1] קאפיטאל, — מאשינעס, רוי-מאטעריאל און אלערליי פראָדוציר-מיטלען, — ווערט פארגרעסערט גיכער, איידער דער צווייטער טייל פון קאפיטאל, וואָס ווערט פארטאָן אף ארבעטלוין אָדער אף קויפן ארבעט. אָט דעם געזעץ האָבן מער-ווייניקער גענוי פעסטגעשטעלט בארטאָן, ריקארדאָ, סיסמאָנדי, פראָפ. ריטשארד דזשאָנס, פראָפ. ראמסיי, שערבילייע און אנדערע.

אויב צוערשט איז די פארהעלטעניש פון די דאָזיקעביידע טיילן קאפיטאל געווען 1:1, ווערט זי בא דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע 5:1 אאוו. ווען פון א גאנצן קאפיטאל פון 600 איינסן וועט 300 אויסגעגעבן ווערן אף געציַיג, רוי-שטאָף אאוו. און 300 — אף ארבעטלוין, דארף מען דעם גאנצן קאפיטאל נאָר פארטאָפּלען, קעדיי צו שאפן א נאָכפרעג אף 600 ארבעטער אָנשטאָט 300. אָבער ווען פון א קאפיטאל פון 600 איינסן וועט 500 פארטאָן

1 שפּעטער רופט עס מארקס „קאָנסטאנטער" קאפיטאל אלס קעגנזאץ צום „וואריאבלען" (לוין-קאפיטאל).

ווערנ אפ מאשינעס, מאטעריאל אאוו. אונ נאָר 100 אפ ארבעטלוינ, איז קעדיי צו שאפנ א נאָכפרעג אפ 600 ארבעטער אָנשטאָט 300, דארפ שוינ דער זעלבער קאפיטאל פארגרעסערט ווערנ פונ 600 ביז 3000. דעריבער יאָגט ניט אָנ דער נאָכפרעג אפ ארבעט די אָנזאמלונג פונ קאפיטאל בא דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. דער נאָכפרעג שטײַגט קעסיידער, אָבער די פארהעלטעניש פונ זײַנ וווקס צומ ווקס פונ קאפיטאל ווערט אלצ קלענער.

אָט די עטלעכע אָנווײַזונגענ וועלנ זײַנ גענוג אפ צו דער-ווײַזנ, אז גראָד די אנטוויקלונג פונ דער מאָדערנער אינדוסטריע מוז ארויפציענ די וואָגשאָל לעטויוועס דעמ קאפיטאליסט אונ צומ שאָדנ פונ די ארבעטער. אונ בעמיילע איז די אלגעמיינע טענדענצ פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע געווענדט ניט צו העכערנ דעמ. דורכשניטלעכנ ארבעטלוינ, נאָר, פארקערט, צו פארקלענערנ אימ, דה. דערפירנ דעמ ווערט פונ דער ארבעט מער אָדער ווייניקער ביז צו זײַנ מינימאלער גרענעצ.

נאָר אויב אינ דער הײַנטיקער סיסטעמ איז פאראנ אזא טענ-דענצ, הייסט עס דענ, אז די ארבעטער דארפנ זיכ אָפזאָגנ פונ א ווידערשטאנד קעגנ דעמ אָנגריפ פונ קאפיטאל אונ אופהערנ צו פרוווּנ אויסניצנ אינ זייערע אינטערעסנ די געלעגנהײַט-שאנסנ פונ צײַט-ווײַליקע פארבעסערונגענ? אויב זיי וואָלטנ אזוי געהאנדלט, וואָלטנ זיי פארוואנדלט געוואָרנ אינ א אינדיפערענטער מאסע מענטשנ, פאר-מישפעטע אפ הונגער, אונ קיינ זאכ וואָלט זיי ניט געקאָנט העלפנ.

איכ גלייב, אז איכ האָב באוויזנ, אפ וויפל דער קאמפ פונ די ארבעטער פארנ נאָרמאלנ ארבעטלוינ לאָזט זיכ ניט אָפטיילנ פונ דער גאנצער סיסטעמ פונ לוינארבעט, אז זייער שטרעבונג צו העכערנ דעמ ארבעטלוינ איז אינ 99 פאלנ פונ 100 ניט מער ווי א פרווו אײַנצוהאלטנ דעמ עקזיסטירנדיקנ ווערט פונ דער ארבעט אונ, צולעצט, אז די נייטיקײַט צו קע׳פנ׳ קעגנ די קאפיטאליסטנ פארנ פרײַז פונ דער ארבעט שטעקט אינ דער עצעמ סאָציאלער לאגע, וואָס צווינגט די ארבעטער צו פארקויפנ זיכ ווי א סכוירע. אויב זיי זאָלנ אינ זייערע טאָג-טעגלעכע קאָנפליקטנ מיטנ קאפיטאל נאָכגעבנ פאכדאָ-ניש, וואָלטנ זיי דערמיט אָפגענומענ בא זיכ די פײַיקײַט אָנצוהייבנ א גרעסערע באוועגונג.

אָבער אינ דער זעלבער צײַט טאָרנ די ארבעטער ניט איבער-

טרייבן פאר זיך אליין דעם ענדגילטיקן רעזולטאט פון דעם דאָזיקן
טאָג־טעגלעכן קאמף, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער אלגעמיינער דער־
נידעררונג בא דער סיסטעם פון לוינארבעט. זיי דארפן ניט פארגעסן,
אז זיי קעמפן דאָך קעגן די רעזולטאטן און ניט קעגן די סיבעס
פון די דאָזיקע רעזולטאטן, אז זיי פארהאלטן נאָר די רעאקציאָנערע
באוועגונג פון די קאפיטאליסטן, אָבער זיי ענדערן ניט די ריכטונג
פון דער דאָזיקער באוועגונג; אז זיי באניצן נאָר פאליאטיווע מיט־
לען, אָבער די קראנקייט היילן זיי ניט אויס. דערפאר דארפן די
ארבעטער ניט אָפגעבן זיך אויסשליסלעך מיט אָט דעם אומפארמיידל־
לעכן פארטיזאנישן קריג, וואָס עס רופן ארויס די אָנופהערלעכע
אָנגריפן פון קאפיטאל אָדער די ענדערונגען אין דער לאגע
אפן מארק. זיי דארפן פארשטיין, אז די איצטיקע סיסטעם מיט איר
גאנצן גרויל פארן ארבעטער שאפט אין דער זעלבער צייט די נויי־
טיקע מאטעריעלע באדינגונגען און סאָציאלע פאָרמען פאר דער עקאָ־
נאָמישער איבערבויונג פון דער געזעלשאפט. אָנשטאָט דעם קאָנסער־
וואטיוון לאָזונג: „א גערעכטער טאָגלוין פאר א גערעכטן ארבעט־
טאָג" דארף אף דער פאָן זיין אופגעשריבן דער רעוואָליוציאָנערער
לאָזונג: „אָפשאפן די סיסטעם פון לוינארבעט".

נאָך דעם דאָזיקן זייער לאנגן און, ווי איך האָב מוירע, פאר־
מאטערנדיקן פאָרטראָג, וואָס איך האָב געמוזט האלטן, קעדיי אָפצו־
געבן זיך ווי געהעריק מיט דער טעמע, וועל איך פארענדיקן מיטן
פאָרשלאָג אָנצונעמען די פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

ערשטנס: די אלגעמיינע העכערונג פון דעם ניוואָ פון ארבעט־
לוין ברענגט צו א פארקלענערונג פונעם אלגעמיינעם ניוואָ פון רע־
ווען, אָבער, ביכלאל גערעדט, אף די פרייזן פון די סכוירעס ווירקט
זי ניט.

צווייטנס: די אלגעמיינע טענדענץ פון דער קאפיטאליסטישער
פראָדוקציע איז געווענדט ניט צו העכערן, נאָר אראָפצוזעצן דעם
דורכשניטלעכן נאָרמאלן ארבעטלוין.

דריטנס: די פראָפעסיאָנעלע פאריינען האָבן א באדייטונג אלס
צענטערס פון ווידערשטאנד קעגן דעם אָנגריף פון קאפיטאל. אין
איינצלנע פאלן קאָנען זיך מאכן, אז זיי זאָלן קיין ווירקונג ניט האָבן,
ווייל זיי באניצן זייער מאכט אומבאטראכט. אָבער געוויינלעך דער־
גרייכן זיי ניט זייער צוועק דערפאר, ווייל זיי באגרענעצן זיך בלויז

מיטן פּאַרטיזאַנישן קריג קעגן די רעזולטאטן פון דער הײַנטיקער סיסטעם אָנשטאָט צו ווירקן גלײַכצײַטיק, אז די דאָזיקע סיסטעם זאָל ווערן איבערגעבויט, באַניצנדיק זייער אָרגאַניזירטע קראַפט אַלס אַ הייבער צו עמאַנסיפּירן ענדגילטיק דעם ארבעטער־קלאַס, ד. ה. אָפּצושאַפן ענדגילטיק די סיסטעם פון לוינארבעט.

אינהאלט

זײַט

ארײַנפיר 3

I. פראָדוקציע אונ ארבעטלוינ. 5

II. פראָדוקציע, ארבעטלוינ, רעווער. 8

III. ארבעטלוינ אונ געלט. 20

IV. אָנבאָט אונ נאָכפרעג 25

V. ארבעטלוינ אונ פרײַז. 27

VI. ווערט אונ ארבעט 30

VII. ארבעטקראפט. 41

VIII. די פראָדוצירונג פונ מערווערט 45

IX. דער ווערט פונ דער ארבעט 48

X. וויַאזוי ווערט ארויסבאקומענ רעווער, ווענ די סכוירע ווערט פארקויפט לויט
איר ווערט 50

XI. די פארשיידענע טײלנ, אפ וועלכע עס צעפאלט זיכ דער מערווערט. . . . 51

XII. די אלגעמײנע פארהעלטעניש צווישנ דעם רעווער, דעם ארבעטלוינ אונ די
פרײַזנ 55

XIII. די הויפט־פאלנ פונ פרווונ צו העכערנ דעם ארבעטלוינ אָדער קעמפנ קעגנ
זײַנ פאלנ 58

XIV. דער קאמפ צווישנ קאפיטאל אונ ארבעט אונ זײַנע רעזולטאטנ. 67

Редактор перевода—Л. Гольдберг. Техред—М. Погостер. Корректор — М. Иткович.
Сдано в производство 3|X — 34 г. Подписано к печати 15|XI — 34 г.
ф. б. 82X110$^{1}/_{32}$ $4^{3}/_{4}$ п. л. 36.000 зн. в п. л. Уп. главлита В — 99016. Эмес № 89.
Тираж 3.000 экз.

Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. 869.